STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03277

BENKSHAFT

Israel Emiot

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. עמיאָט

בענקשאַפט

י. עמיאָט

בענקשאפט

פאַרלאַג ידיש בוך וואַרשע 1957

I. EMJOT

TĘSKNOTA

Redaktor: D. SFARD
רעדאַקטאָר: ד. ספֿאַרד

Okładka: H. GLIKSZTOK
הילע געצייכנט: ה. גליקשטאָק

Wydawnictwo „Idisz Buch“
Warszawa, Nowogrodzka 5

Nr zam. 1068. Nakład 1000. Druk ukończono w lipcu 1957 Ark. druk. 9,5.
Ark. wydawn. 8. Papier ilustr. V kl., 80 g. A1.
Druk RSW „Prasa“, Warszawa, Tarczyńska 8 B-90

די לידער, וועלכע גייען אריין אין דעם ביכל, זענען געשריבן געוואָרן אין פארשידענע צייטן. טייל זענען גענומען פון די ביכער, וועלכע איך האָב פארן גרויסן אומגליק פון דער צווייטער וועלט־מלחמה ארויסגעגעבן, און פון זשורנאלן, אין וועלכע איך האָב זיך געדרוקט. דער גרעסטער טייל איז פארפאלן געוואָרן. איבערהויפט די לידער, וועלכע איך האָב געשריבן אין ראטנפארבאנד, פון וועלכע א קליינער טייל בלויז איז פארבליבן. אין דעם בוך קומען אויך אריין נייע לידער.

דער מחבר

ווארשע, מאי 1957.

מיין פאָרגעשריטענעם טאַטן. וועלכן, כ'האָב אזוי ווייניק געקענט, דעם למדן און משכיל נתן דוד יאנאָווסקי געשטאָרבן ווייט פון דער משפחה, אין ניו-יאָרק 1922, מיין פרומער מאַמע די צדקניות חיה שרה, אומגעקומען דורך די היטלעריסטישע רוצחים אָקטאָבער 1939 אין אָסטראָוו-מאזאָוויעצק, און מיין דערציערן, מיין האַרציקע באָבע מלכה זכרונם לברכה — געהייליקט

I

דאָס אויער צו דער זעל...

כ'האָב מיך איינגעהערט צום שלאָג פֿון מיין בלוט,
און פֿאַרנומען דאָרט אַ וואַסער־פֿאַל אין רויש.
דאָך האָט דאָס אויער אויך געקאָנט דאָרט לוישן
לייכטן שאָרך פֿון אַ קינדס אַ שטילן טריט...

כ'האָב שטילן רוף פֿון אייביקייט געהערט
און געווען איצטיקס לויפֿנדיקן ווירן,
און אָט מיט דער וווּנדערלעכער סתירה
איז לעבן אין דער וועלט מיר היינט באַשערט.

מיין גאָט! מיט מיין טאָפּלטן געמיט
בלייב איך בלאָנדזשענדיק דיין קינד,
וואָס זעט אין אַלעם דעם שפּור פֿון דיינע טריט — — — —

העלף מיר, אַז דאָס שטורעמדיקס און שטילע,
וואָס ליגט מיר אויפֿן נשמה־גרונט,
זאָל געפֿלאָכטן זיין צו דיר אין מיין תפֿילה!

1932

34599

נעכט

זענען נעכט אַזעלכע דאָ, לויטערע און שטילע,
מיט רחמים צו די טעג, וואָס צאַנקען זיי בײַ זייט אויס,
שווער גייט אויס דער טאָג, אָט וואַרפט ער זיך און שרייט אויס —
ליפּן פון דער נאַכט מירמלען שטיל אַ תּפילה...

בלייבע דאַרע הענט שטרעקט דער טאָג אויפן הימל
און נעמט דעם האַלדז אַרום פון דער גוטער נאַכט,
ווי ס׳נעמט אַ קינד אַרום אין זײַן קרענק פאַרשוואַכט
דער מוטערס האַלדז און שטאַרבט אַזוי אין דרימל...

זענען נעכט אַזעלכע דאָ, שפּרייטן זיך דיוואַנען
אונטער מידע טריט, וואָס בלאָנדזשען אין די נעכט,
ווערט גרינג אַזוי דער שפּרייז צו וועלטן נישט פון דאַנען...

דער הימל קניט צו פיס, נויגן זיך די ספערן,
און גוט ווערט מיטאַמאָל און דערבאַרעמדיק דאָס שלעכטס
און ס׳איז נאָענט אַזוי דער וועג צו איעדן שטערן...

* * *

די צעפּלאַמטע בעקעלעך פֿון דער רויטער רויז
און די נעלקע, וואָס גליט אין אירע פֿאַרבן —
ס'איז שענער ערשט די וועלט, ווי ס'איז שיין אַ יעדער זאַך
ביים שטאַרבן...

ווי ס'וואָלט די טולפּע אויף אַ קוש פֿון טויט געוואַרט,
זי שטרעקט די ליפּן אים מיט ליבע פֿון איר בייט,
און יעדער בוים און יעדעס גרעזל ווייסט,
אַז ס'איז געקומען זיין צייט.

מיין גאָט! שענק מיר די רואיקייט פֿון דיין פֿלאַנצן=וועלט,
און אַז קומען וועט מיין לעצטע לעבנס שעה,
לאָמיך איך אַזוי גיין אַנטקעגן טויט
מיט רו...

* *
*

בלאָנדזשען פֿאַרוואָגלט אין וויסטע אַלעען
און האַרבסט זאָל די זעל מיר פֿאַרוויגן מיט שווייגן,
זאָלן פֿאַלן חלומות פֿון בוים פֿון מיין לעבן,
ווי גאָלדענע בלעטער עס פֿאַלן פֿון צווייגן...

און לאָזן דעם אומעט באַוויינען פֿון ווינטן —
ווינטן געקומען פֿון האַרבסטיקן פֿעלד,
ס'איז ליב אַזוי עלנט צו זיין אין פֿאַרנאַכט ערשט,
ווען עלנט ווי איך איז אויך איצטער די וועלט...

טערצינען

ס'איז גוט אַזוי פון פעלדער ערשט געקומען
אין דעמער־שיין פון האַרבסטיק מאַטע טעג
אין צימערל פאַרשלאָסן זיין אין שטומען.

און אָנגעהאַלטן אין אַ זיידענעם ברעג
פון אַ טרויעריקן נאָגנדיקן קלאַנג,
פאַרשווימען אין טרוימען־לאַנד אָן עק...

און ווייטיקן פאַרגעסענע פון לאַנג,
און בענקשאַפטן פאַרשאָטנטע פון צייט
טויכן אַפער פון דעם ים געזאַנג.

שטיל־לאַנדשאַפט

ווי הייליק שטיל איז איצט אויף פעלדער,
ווי הייליק שטיל איז איצט די וועלט! —
ווי אין פאָטער יעקבס חלום
וואָלט אַ לייטער זיין געשטעלט —

פון הימל ביז דער ערד אַ לייטער,
מלאכים גייען הין און צוריק.
עס בלאָנדזשען מיינע פיס אויף ערד דאָ
און אין האַרצן — הימליש גליק...

פּייזאַזש

בעריאָזעס קליין ביים וואַסער,
בעריאָזעס אויפֿן היגל,
ס'האָט אַ ווינטל אויסגעקעמט זיי —
קוקן זיי אין שפּיגל...

אַ כוואַליע טוט אַ ציטער,
אויפֿגעכאַפּט פֿון דרימל,
און גיט אַ קוק דאָרט אויבן —
די זון נאָך אויפֿן הימל.

לויפֿט זי צו די פֿעלדער
אַ קוש טון גרינע ברעגן —
געזעגנט — לויפֿט זי זוכן
גייע ווייטע וועגן...

אַ פֿויגל האָט פֿאַרבלאָנדזשעט
דאָ ערגעץ על פּי טעות,
כאַפּט ער שטיל דערווײַלע
מיט אַ בוים דאָ ווי אַ שמועס.

דערציילט דער בוים פֿון ערד דאָ
דער פֿויגל פֿונעם הימל:
— ברודער סעדיצע, פֿאָלג מיר,
אַוועק פֿון דעם געטומל!...

דער פֿויגל פֿליט אין ווייטן.
מיט צווייגן אויסגעצויגן
פֿאַרבענקט עס שטייט די סאָסנע
און וואָלט דעם פֿויגל נאָכגעפֿלויגן...

וואָלקן־שפּיל

איינעם פעלד דאָס רונדיק טייכל
ווי עס וואָלט פאַרקוקט זיך,
אַז אויג אויף הימלס חנען —
געגאַפּט און אַנטציקט זיך.

דאָרטן אויבן פירט אַ פּאַסטוך
זיינע שאָף צום באָדן —
וואָלקנדלעך וויס־געקרויזטע —
שאָף מיט וואָל באַלאָדן.

גיט אַ בלאָז אַ שטיפער־ווינטל —
איז דאָס בילד הערשיטערט.
אויפן הימל לאַנגע קאָסעס
טראָגן איצטער שניטערס...

נאָר דאָס ווינטל איז אַ קונדעס,
געמאָלן און פאַרמעקט עס,
וואָס האָט דאָס טייכל זיך געוווּנצלט?
זע־אָ, עס הערשרעקט זיך...

שוואַרצע בערן טרייבט אַ זקן,
קומען זיי צולויפן,
צאַפּלט מוראדיק דאָס טייכל
און עס וויל אַנטלויפן...

זומער

אַ יונגער שמעטערלינג, נעכטן ערשט געבוירן,
טראָגט אויף פליגלען גרינג זומערס גרויסע פרייד.
דאָ דערפון אַ זאָם דאָרט אַ זאָם פּאַרזייט —
פליט ער זאַמלען פריש, וואָס ער האָט פאַרלוירן...

פליט ער אויף און אָפּ און ווייסט נישט וואָס צו קלויבן:
אונטן גרינט דער מאי, זינגט א ים פון טענער,
אויבן העלקייט קוועלט — ווייסט ער נישט וואָס שענער:
צי פרייד די גרינע אונטן צי די העלקייט אויבן...

איז אויף און אָפּ, אַראָפּ אַרויף — און אומעטום אַ גאָנג
פון דעם העלן ים און פון דעם גרינעם טאָל,
אויף וועגן פרייד פאַרזייט און געקליבן אויפדאָסניי.

אָ יונגער שמעטערלינג! דיין לעבן איז אַ טאָג
און ס'איז דיין מיילכל קליין און ס'איז דיין מאָגן שמאָל
פאַר אויסגאָגן ביז דנאָ די גאַנצע פרייד פון מאַי!...

די אַלטע פּעסעלע

די אַלטיטשקע פּעסעלע קענט איר?
איר קענט זי נישט, מעגט איר זי קענען,
קיין עין־הרע אַריבער די ניינציקער,
די יאָרן נישט צו דערקענען...

אַ ייִדענע גאָענט צו דער מאה שוין,
אדרבה קומט אויף משעקאַוועס
און זעט, ווי פּעסעלע פּאָרעט זיך
און קינצלט נאָך אירע פּאָטראַוועס.

דאָס קאָכן, דאָס וואַשן, דאָס רוימען —
קומט פון דער ווייט אויף חידושים,
ס'וועלן קיין יונגע נישט גלייכן
צו פּעסעלען אריבער די תשעים.

ריין און ציכטיק דאָס אַלקעריל,
עס שפּיגלען אין קיך אַלע כלים,
און פירט נאָך אַליין זיך אין שענק
דעם מסחר מיט די ערלים.

ס'וועט דער אַלטיטשקער פּעסעלעס שענק
דער פויער אויף קיין צווייטער נישט בייטן,
ס'קומט דער גאָספּאָדאַזש צו פאָרן
און אַ פריץ אַמאָל אויך צו רייטן.

שטייט די אַלטע פּעסעלע
אין הויבל מיטן שלייפל
און חשבונט פּלאים אויפן קאָפּ אויס,
און חילוקט און חיסרט און כּפלט.

און קומט אַ מגיד אין שטעטל —
פּעסעלע אין שוואַרץ־זיידן קלייד
לויפט אין שול אַריין הערן
דעם מגידס זיסינקע רייד.

און פרימאָרגנס ביי די שחריתים —
קיין מנחה קיין מעריב פאַרפעלט,
האָט פּעסעלע דאַווענען בציבור
אירע ווערטער ווי פּערל געציילט.

און קומט דער הייליקער שבת
אין שטעטל אַ ליבער צו גיין,
זיצט די אַלטינקע פּעסע
ביי דער הרובע שטיל מלא חן.

אין הויבל מיט די זיידענע בענדער
רויט, גרין און באָרדאָ און שוואַרץ,
קומט אַריין אויך אַ שכנה
דערציילט מען אַראָפּ זיך פון האַרץ...

זיצט מען אַזוי צוזאַמען
ביים אויוון שטיל אויף אַ באַנק,
דערציילט די אַלטינקע פּעסע
אַזוי זיך אַ מעשה פון לאַנג...

פון מאַן אירן עליו השלום,
וואָס רוט שוין פון לאַנג אין גן־עדן,
פון טאַטן דעם עושר אין רייסן,
פון צדיק, דעם הייליקן זיידן.

און שבת ביי־טאָג נאָכן שלאָפֿן
קומען די אייניקלעך צו גיין,
ס'האָט קיין אייניקל פֿאַרפֿעלט נאָך
שבת די באָבע צו זען.

שבת אויבן טיילט זי בסדר
יעדן אייניקל באַזונדער,

— — — — — — —

אָ, גאָטעניו, אַזאַ זיסינקע עלטער
אויף אַלע ייִדישע קינדער!...

ס׳שטעטל — היינט

מיין אָרעם שטעטעלע אין דעמער־שיין פון אָוונט,
פעלהער האָרבסטיקע, געפלדיקער טאָל,
ווי כ׳וואָלט דיין אומעט וועלן דעם ייִדענעם באזינגען,
פונעם בלעטער־פאַל באַזינגען ווי אַמאָל!...

אָרעם שטעטל מיינס, דו קומסט מיר נישט פון זינען,
נאָר איך האָב דיך לאַנג באַטראַכט און האָב דיך נישט דערקענט:
ווער האָט אַזוי פיל צער אויף גאַסן אויסגעגאָסן,
איבער פנימער, וואָס שלייכן שטום ביי ווענט?

ביזט אַ קבצנטע, אָ שטעטל מיינס, געוואָרן,
כאָטש דו קנייפּסט די באַקן זיך און שטעלסט די פאַרבן לאַנג,
ווער ווייסט ווי איך דעם עלנט דעם פאַרבאָרגענעם
אין די שטיבער דיינע, אַז ס׳גלוסט זיך אָפּ געזאַנג.

ביזט אַ קבצנטע, אַ בעטלערקע געוואָרן,
שטעטל מיינס, ס׳איז פאַר אַלעמען לאַנג שוין נישט קיין סוד,
אַז ס׳וואַנדערן באַדערפטיקטע די שענסטע ייִדן דיינע,
ווי אָרעמעלייט שוין צוגעוווינטע, פון שטאָט צו שטאָט.

און די, וואָס בעטלען נישט און שטייען אויס דעם נסיון
דאָס פנים נישט פאַרשוואַרצן אין דער פרעמד
און הונגערן אין דער שטיל און דערציילן עס נישט קיינעם
און ס׳איז אַלץ פאַרמשכונט שוין אפילו ס׳אייגענע העמד.

די קראָמען דיינע, וואָס שטייען פּוסט און אָפֿן
און וועלן פֿאַרמאַכן זיך אין אַ טאָג אַ העלן —
ווער קען העם וויטיק דיינעם שטעטל מיינם באַשרייבן,
דאָס לעבן, וואָס צאַנקט ווי אַ ליכט איבער דיינע שוועלן?

טאָ זיי זשע מוחל שטעטעלע און האָב נישט קיין פֿאַראיבל,
ווען ס'באַזינגט דיין זינגער נישט אַט אַזוי ווי אַמאָל
דעם גאָלדענעם בלעטער־פֿאַל און דעם זייַדנעם אומעט,
די פֿעלדער האַרבסטיקע, דעם נעפּלדיקן טאָל...

* * *

אַ פֿריליגגם וועלט! מיין שטילער חלום
מיידט דיך, ווי דיך מיידן מיינע לידער,
אַז עס וויינט אין מיר נאָך אַלץ דער „בני היכלא“
און דער טרויעריקער ניגון פֿון „כל נדרי“.

און סע וועט די בענקשאַפֿט אייביק נישט געשטילט זיין,
ביז טויט וועט קומען און זאָגן: אַ סוף צום וואַנדערן,
כ'וועל אייביק שוין דאָס טרויעריקע בילד זיין
פֿון עמעצן אַ ווייטלעכן און אַנדערן.

אין לוח...

אין דעם לוחס קליינע בלעטלעך
פלעגסט אַמאָל צו מישן,
ווען ס'פאַלט אַ שמחה אויס
ביי אַן אייניקל, צו וויסן.

אָדער גאָר אַן אַלטער יאָרצייט
פון אַן עלטער זיידן זוכן,
און די שטיבל־יידן שיקן
בראָנפן פיל און קוכן.

היינט — אָ ליבע באָבע מיינע,
אויף די אַלטע יאָרן
מישסטו און דו ציילסט די טעג
אַ גראָשן אָפּצושפּאָרן.

דאָ — אַ שטייער אָפּצוצאָלן —
מען קאָן דיין קלייט פאַרמאַכן:
אַז מען צאָלט נישט צו דער צייט
נעמט מען צו די זאַכן...

און דירה־געלט דעם בעל־הבית —
ער וועט פון דירה וואַרפן
אויף דער עלטער — כאָטש אויף דער גאַס
צו וויינען נישט באַדאַרפן.

און דאָ — אַן אַלטער חיבּ ביי וועם
עס טוט פון שטוב דיר טרייבן —
שפּאָרסטו באָבע פון דיין מויל
קיין בעל־חוב נישט קיינעם בלייבן.

מישסטו אין לוח און א טרער
טוט אין האַלדז דערהדריקן,
זי בלייבט דיר שטיין — הער טרערן קוואַל
איז פון לאַנג שוין טרוקן.

אָ, באָבע מיינע, ווינד און ווי
אויף דיינע אַלע פּלאָגן,
וואָס מען קאָן שוין יאָ דערציילן
און וואָס מען קאָן נישט זאָגן...

אָ, באָבע מיינע! אין דער וועלט פון פּיין —
וואָס זענען אונדזערע טרערן?
ווי פון רעגן ווערט דער ים נישט פול,
וועט די וועלט נישט פולער ווערן!...

מיין געסל

שויבן פון מיין געסל — מיט בלוט אָנגעפולטע גלעזער
פון פאַרנאַכט, וואָס האָט זיינע אָדערן אויפגעשניטן —
די בלייכע קינדערלעך פון מיין געסל
זיין בלוט איבערצוגיסן.

צום בית־המדרש גייט אַ קופּקע הייזעלעך מתפּלל זיין
פאַר דער וועלט, וואָס גוססט ערשט.

וואָס זענען הייזעלעך געבליבן שטיין? — — — — —
ס'איז אַ וואָרנען־געשריי געפאלן אויף דער גאַס
און דעם שאַרבן צעבראָכן אין אַ שטיין:
— די וועלט איז געשטאָרבן!...

האַרבסט

מײַן װינט איז ערשט אַ טויב פֿון נחת געשיקט
צו זען, אויב ס'איז גרינגער געוואָרן דער מבול אויף דער ערד,
האָט די טויב פֿון ערגעץ־װו אַ בלעטל אָפּגעפּליקט,
ס'איז גרינגער— נאָר ס'איז נאָך מבול אויף דער ערד...

ביימער — װעלטס פֿאַרדרייטע פֿינגער — רינען מיט בלוט אָפּ אויפֿן מערב,
װייל ס'האָט װער זיך אין זיי ביזן ביין אײַנגעביסן
אין זײַן װייטיק פֿאַרן טויט.

טאַטע — צער און מאַמע — ניגון
האָבן דעם צווילינג געבוירן:
דאָס פֿעלד דאָס האַרבסטיקע און דער עלנט װאָס אויף אים.

אין קילע לאַנגע נעכט װי איצט גליװערט אויך
די לבנה — הימלס גרויסע טרער —
און בלייבט אַזוי אין אַפּל פֿון אַ װאָלקן שטיין...

* *
*

איז באַשערט מיר ווען אַ בוים אַמאָל צו זיין,
שטעל מיך אין אָט דעם ווינקל אַנידער,
ביים וואַסער אין וויסטן פליין.
ס'איז מיר די זיסקייט ליב פון טיפער עלנטקייט,
וו יעדער פעלז איז אַן אויסגעשפּיצטע ליפּ,
וואָס קושט די ליידיקייט, גאַרנדיק נאָך ליבשאַפט.
האָט ווו דער טאָג געוויישט— ער קומט דאָ שטיל צו גיין,
האָט די נאַכט זיך ווו באַפלעקט — קומט זי אויבעט ריין
אין מיין שאָטן שטיל צו רוען.
דאָ וועל איך אייביק די ריגע זיין
פון הימל צו דער ערד
און פון דער ערד צום הימל...

טאָג־נאַכט־שפּיל

ס'וועט זיך לאַנג נאָך אַזוי ציִען
דאָס מעשהלע געשעענע
אינעם אַלטן שלאָס,
וואָס הייסט — וועלט.
וועט ווער אָנגיסן אַ כוס
מיט פאַרנאַכטן־דעמער —
רויטן וויין.
און אַרייַנפאַלן וועט די נאַכט —
א שוואַרצע פליג אין כוס...
גיסט מען אויס דעם כוס,
גיסט מען אַ פרישן אָן
מיט מאָרגן־רויט...

א רעגן

אין אַ רעגן-טאָג איז גוט אַזוי צו זיין
ווי דער רעגן-טראָפּן,
וואָס זיין געבורט-געשריי
און זיין גסיסה-קרעכץ
הייבט אָן און ענדיקט זיך
מיטן שטילן קלאַפּ אין שויב,
אין דאָד האָבן געפילט שוין די פרייד
פון הייבן אין פארע זיך
פון דער ערד צום הימל
און דעם צער
פון פאַלן פון הימל צו דער ערד...

מנחם־אב

ס'גייט מנחם־אב, באַלד וועט די נאַכט
אויף אַ שטיין זיך זעצן וויינען ביי דעם וועג וואָס נעבן וואַלד
מיט אַ קינה אין דער האַנט...
און ווינט וועט אַ שטיף טון מיט די האָר פון וואַלד
און בערשטלעך וואַרפן אינעם פלאָנטער פון זיין קרוין...
באַלד וועט דער שפּין
אָפּלאָזן די בינדנע פליג
און זיך דערמאָנען, אַז זי האָט אַמאָל אַ פולן קריג
פייער געבראַכט דעם בית־המקדש אָנצוזינדן
אין חורבן־טאָג... — — —
באַלד וועט דער טאָג
אויפבלאָזן די קוילן, וואָס האָבן ווו געטליט,
און ס'וועט אַ פייער זיין ווי בעתן חורבן נאָך צעגליט
און זאָגן: אַז ס'איז חרוב אַלץ, דאַרף מען מיר אויך נישט!...
און פאַרגיין אין רויטן פלאַם,
פאַרגיין אין רויטן פלאַם...

א מילב, וואָס שטאַרבט...

אַ מילב, וואָס שטאַרבט אין אַ נאָרע פֿון אַן אַלטן בוד,
איז איר אויך אַ שאָד די וועלט...
טרעפֿט: אַ מענטש מישט בלעטער אויף אַמאָל,
גיט די זון אַ שיין אין אַ מילבן־שפּאַלט,
גייט די מילב די זון אַנטקעגן.
זאָגט די מילב: ווייזט אויס ס'איז פֿרילינג היינט,
נאָר מיינע לונגען האָט שוין אויפֿגעפֿרעסן
די ווילגאָטנע וואַנט, דער קאַלטער אבזר.
כ'קומט דער זומער אויף דער וועלט
און איך גיי שטאַרבן.

הייבט די מילב די אויגן מיט אַ געבעט:
אָ גאָט! מיין שפּאַן איז אַזוי קורץ
און גייט נישט ווייטער פֿונעם בלאַט אין בוד.
כ'בין דאָס גאַנצע לעבן שטיל געווען און נישט געגלוסט קיין פּ. עמדה
און נישט מקנא געווען קיינמאָל די פֿליג,
דעם אימרו, וואָס זיצט נישט אויף קיין אָרט,
און נישט דעם מענטש, וואָס איך באַגרייף שוין נישט.
לאָז מיך אונטערלעבן כאָטש נאָך אַ טאָג צוויי...
כ'האָב אַזוי מורא פֿאַרן סוד פֿון טויט
צו בלייבן שווייגנדיק ווי מיין טאַטע ליגן...
כ'וועק אים אַלע אינדערפֿרי: טאַטע ס'איז טאָג,
און ער איז שטום און גיט זיך נישט קיין ריר...

ניגון...

שפּיל פריינט,
איך בין דער שאָטן פון דעם ניגון דיינעם.
אויף אַלע וועגן, ווו עס פירט דיין ליד,
גיי איך ווי אַ שאָטן מיט.
די וועלט, וואָס איך האָב, ליגט אין דעם ווינקל
נעבן דיין קלאַוויר,
כ'האָב ליב, ווי מיט דיין יעדן פינגער־ריר,
מיט יעדן וויבריר,
חרוב ווערט אַ וועלט,
און מיטן צווייטן ריר
ווערט זי אויפגעשטעלט,
און פון לעבן ביזן טויט, אויף דעם קליינעם בריק
זאָל רוען מיין געמיט...

* * *

ברודערל,
נישט אַלע וואָיעגדיקע ווינטן
זענען רויב־פייגל, וואָס לויפן אויפן לויער,
ס'טרעפט אַמאָל אַ ווינט אַזאַ, פון צופיל קענען,
פון צופיל גרייכן איבער וואָלקנס און אָפּגרונטן,
פון צופיל ווייסן וועלן וואָס אויבן
און וואָס אונטן,
וויל פון זיך אַליין אַנטלויפן אַזש פאַר טרויער...
ברודערל,
נישט אַלע וואָיעגדיקע ווינטן
זענען רויב־פייגל, וואָס לויפן אויפן לויער!...

טריאָלעט

דאַרפסטו שאַפּען רעז, צו היידען צי מאָצאַרטען דערצו?
געווג אַמאָל דער ניגון אינעם שטילן וויג פון טויער,
אַז ס'זאָל דיר קלאָר ווערן מיטאַמאָל דער גאַנצער ווי און טרויער
פון באשאַף, דאַרפסטו שאַפּען רעז, צי היידען צי מאָצאַרטען דערצו?...

עס דערציילט דעם וועלטן־ציער דיר אויך אין אַ פּראָסטן אינדערפרי
די שפּראַך פון בלעטער אויפן דאַך, וואָס הייבט זיך און פאַלט אַראָפּ ערגעץ
אויף דעם טויער
פון ווינט באַוועגט, דאַרפסטו שאַפּען רעז, צי היידען צי מאָצאַרטען דערצו?
געווג אַמאָל דער ניגון אינעם שטילן וויג פון טויער...

* * *

האָט די וועלט זיך הייגט צעעפנט,
ווי אַ קינדער־ביכל:
ס'איז קיין שלעכטס אויף דער וועלט גאָרנישט פאַראַנען,
און באַלד וועלן פייגעלעך נעמען שירה זאָגן...

אַלץ וואָס ס'וועט געשען, דאַרף אַזוי געשען...
נאַריש איז דער בער און דער פוקס איז קלוג,
דעריבער איז הונגעריק דער בער און דער פוקס איז זאַט...
זומער גייט מען אַקערן אין פעלד
און ווינטער מאַכט מען גאָמעלקעס פון שניי...
און מענטשן — שטאַרבן נישט!...

ס'האָט אַלץ איין טאַטע־מאַמע געבוירן,
דעם בוים, די חיה און אפילו דעם שטיין,
און דער מענטש איז אַ ברודער פון זיי...
— פאַרוואָס לאָזסטו זיי אין דרויסן שטיין?
בעט זיי צו דער סעודה אַריין,
בעט זיי צו דער סעודה אַריין!...

אין שטאָט

.1

קראָמען שאָקלען פון די שטערנס די שילדן אַראָפּ:
— מיר האַנדלען נישט מער מיט זאַלץ, מיט פעפער און מיט שניט,
מיט מעל, מיט אייזן, מיט גלאָזוואַרג און מיט קיט,
מיר האָבן הימל און פאַרנאַכטן־גאָלד געזאַמלט, איז אונדז טרויעריק
דאָס געמיט

און פון לבנה־שיין און ווינטן און באַגינענס איז אַ ליד
אין אונדזער איינגעווייד אָפּגעשטאַנען...
ניין, מיר האַנדלען ווייטער נישט!
מאַכט אונדז צו! מאַכט אונדז צו!...

גאַסן וואַרפן די מענטשן פון זיך אָפּ,
און די טראַמווייען און די טאַקסים און די וועגענער אַראָפּ:
— גענוג געווען וועגן! מיר זוכן אַליין אַ וועג!...
ווער זאָגט עס, אַז מיר פירן צו פאַרשטאָט, צום באַן און צום שפּיטאָל
און צו הייזער, וווּ עס קיניגט די וואָג און די שאָל?
מיר ווילן בלאָנדזשען! זיך פירן און פאַרפירן!
און אפשר דורך אַ זייטן־וועג צום הימל זיך פאַרלירן?...

גאַסן וואַרפן די מענטשן פון זיך אָפּ...

.2

ערשט איז בלאָטיק אין גאַס, און טאָג איז אַ שטיק ליים, וואָס קלעבט זיך
צום געמיט,
דער ווינט, וואָס האָט ליב עלנט זיין, זוכט נישט קיין פעלד אַצינד, ווייל
ס'איז עלנט אויך איצט די גאַס.

מענטשן, וואָס האָבן א היים — אנטלויפן אהין פארן טאָג,
מוירערן האָבן קיין היים — שטייען זיי אַזוי אין דער גאַס...

ס'איז נישט ווילגעפעלן דער יחסנטע וועלט איר בן־יחיד דער טאָג,
וואָס חברט זיך ערשט אויפן גאַס מיט אַלע לייזיקע פאַרשווינגען.
הערסט — זאָגט ער — מאַמעשי, די לייט טראָגן גאָלד אין זייער האַרץ
און אונטער די פאַרברודיקטע היטלען טראָגן זיי גילדערנע קרוינען...

גייט אַרום ביי די ראָגן דער טאָג צו די אַלע היימלאָזע אין גאַס.
וואָלט ער אוצרות געהאַט ערשט צו געבן פאַר אָט־אָ־די שלעפּער
פאַרלאָזן —
כאָטש נעם טו די העמד פון זיך אויס איצט, אַז ס'האָט אים אַלץ צוגע־
נומען די וועלט
און ווי פאַר אַ זינדל אַ מופקר, אַ הולטאַי, אַלץ ערשט אויף שלעסער
פאַרשלאָסן...

אָ וועלט! ס'וועט דיין בן יחיד דער טאָג שוין שטאַרבן אַזוי אויפן גאַס...
און זיך טוליען צו די ברודיקע לאַכעס פון די אַלע לייזיקע פאַרשווינגען,
וואָס דו לאָזט זיי אין רעגן שטיין, וואָס טראָגן גאָלד אין האַרץ
און אונטער די פאַרברודיקטע היטלען טראָגן זיי גאָלדענע קרוינען!...

* * *

מיין גאָט!
איך וויל אויסגיין אין דיר,
ווי עס גייט דאָס גרעזל אויס אין האַרבסט
אין דיר,
ווי עס ציט זיך דער ניגון אויס פאַרחלשט
ביי זיין סוף
צו דיר
און ווערט שטילער, שטילער,
דיך דערזעענדיק.
ווי עס גייט דער טאָג אויס אויף די ראַנדן —
צו דיר.
און ווי דער ווינט,
וואָס זוכט דאָך קיינעם נישט אויף זיין וועג,
נאָר דיך,
אין דיר פאַרפאַלן צו ווערן!
ווי דער ים, וואָס די גאַנצע וועלט איז אים ענג
פון ליבשאַפט צו דיר,
און לויפט שוין יאָרן אַזוי בלאָנדזשענדיק
דיך אָפּצוגעפינען.

* * *

ס׳האָט די וועלט דיך דערזען
און זי וועט אייביק שיין,
אַ שיכורע פֿאַר פֿרייד,
אין איר אייגענעם קרייז
זיך קאָלערן אַזוי,
טאָג און נאַכט,
טאָג און נאַכט.

כ׳האָב דיין גאַנג דערקענט אין מיר —
האָב איך אין טויט פֿאַרגעסן
און בין אָנגעפֿילט מיט פֿרייד,
ווי אַ פֿרישע פֿרוכט מיט זאַפֿט,
אַז יעדער צער וועט — אַ חלף
זיך איינשניידן אין האַלדז
און דאָך די זעל נישט גרייכן

II

זעענדיק דזשאָקאָנדאָ

זי לעבט נאָך, מייסטער, יונג אין אלע פאַרבן,
זי טראָגט נאָך דין איר שמייכל און איר לוסט,
נאָך וויעט לייכט איר שטאָלצער גלוסט
איבער צייט און איבער שטאַרבן.

נאָך ווינט דער ניגון שטיל ארום די קאַרבן
פון געוואנט, וואָס האלדזט ארום די ברוסט,
ס'איז נאָך שטיין געבליבן לייכט פארדרוס
ארום געזיכט פון געדאַנקען בייזע, האַרבע.

אָט באַלד — און דער שפרוד פון די קאָלירן
וועט אן עפן טאָן געהיימע ווייטע טירן,
די שיינקייט וועט שענער ווערן, שענער!

אָ, מייסטער, וואָס איז פארגאַנג און שטאַרבן,
ווען טענער פארגייען זיך אין פאַרבן
און פאַרבן פארגייען שטיל אין טענער?

1940

הערנדיק שאָפּענען

1.

זאָל דאָס זיין דאָס גליק, וואָס איז אונדז ווען באַשערט:
פילן אין זיך, ווי לעבן און טויט זיך טוישן,
ווי גוט איז אויפן שטילסטן טאָן צו לוישן,
ווי אַן עכאָ דעם אָפּקלאַנג פון דער ערד.

עס האַלט דעם אָטעם איין די נאַכט און הערט,
און אַלע קוואַלן מוזן שטילער רוישן,
טויזנט ליבשאַפטן און טויזנט מאָל אַנטוישן,
טויזנט מאָל געבויט און טויזנט מאָל צעשטערט.

זאָל דאָס זיין דאָס גליק, מיט צוגעלענטע וויעס זען די וועלט,
אַלע געפלען שיינען איצט צעהעלט,
האַרץ צו האַרץ שלאָגט איצט דערנעבן,

וועלט מיט וועלט, ווי בלעטער אין א בוך פארוועגדט,
שטיין האָט אינעם מענטש זיין נאָענטן דערקענט,
און פול איז אלץ מיט פארגעבן, פארגעבן.

2.

וויג איין די וועלט ווי שטיל־צעוויגטן גראָז,
אָוונט וועט דעם לעצטן רויש פארמעקן,
זע: דער בלינדער וואַרפט אוועק דעם שטעקן
און קוקט דורך דער מויער־וואַנט ווי דורך א גלאָז.

דער חכם פרעגט מער נישט, פארוואָס.
דער האָן האָט אויפגעהערט צו וועקן,
דאָס פּיקסל האָט אויפגעהערט צו שרעקן
און וואַלד דעם ציטערדיקן האָז.

קום, לעבן, דו אויסגעבענקט און שיינס,
ס'איז די וועלט געצירט פאַר דיר מיט טענער,
ווי אויף פאַראַד קלינגט א ווייטער גלאָק — די צייט.

מיר ווילן הערן, הערן, וואָס איבער אַלע שטערן,
ס'איז דאָס לעבן קליין — מיר האָבן גרעסערע באַגערן.
און יעדער אונדזער אָטעם — אייביקייט!

.1935

מיין רבי ר׳ שמעון

כ׳האָב אלע פייגל אויף די דעכער דאָן געקענט,
מיינע אויגן — זייערע שטילע געסטן.
פון חדר האָט א פענצטער צום הימל גלייך געפירט,
און די טרעפּ צו אים — די קנייטשן אויפן רבינס שטערן.

געלט איז געווען געגוג, מלאכים האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן,
נאָר ווארפן מיט פינפערלעך פאַר זאָגן גוט דעם חומש,
אמאָל האָבן זיי מיר די סאמע זון אראָפּגעוואָרפן פון דער הויך,
איז ז׳ זיך צעשפּרונגען — א פולע פאָדלאָגע מיט שטראַלן.
איז געווען גענוג פאַר מיר און פאַרן רבין אויך,
פאַר זיין הויזגעזינד און פאַר זיין קעצל אויך,
וואָס פלעגט לויפן אויפן ווילדן שטראַלן־שפּיל,
ווי אויף להבדיל אירע עכברושים.

היינט, אין צוואַנציק יאָר ארום אין דער פרעמדער שטאָט,
קומט מיין רבי ר׳ שמעון צו מיר בעטן א נדבה,
מלאכים רעגענען נישט מער מיט קיין געלט,
און אז מלאכים גיבן נישט מער, טאָ ווי איז שוין אויף דער וועלט?
די וועלט איז ביטער —
האָט זי מיין רבין פאַר אן אָרעמאַן אויסגעשטעלט,
אריבער די זיבעציק אין דלות איינגעשפּאַנט. —
וויל מיין רבי די פינפערלעך צוריק,
וואָס די מלאכים האָבן מיר געוואָרפן.
צוואַנציק פינפערלעך איז א גאַנצער גילדן,
און פאַר א גילדן לעבט מיין רבי אַ טאָג אָפּ אין גליק,
נעם איך און איך גיב מיין רבין טאָפּלט, ווי ער וויל,

האָט זיך אויף זיין פּנים א מאָדנע פרייד צעשטראַלט,
אָט באַלד
און פון דעם רבינס קנייטשן אויפן שטערן
וועט א לייטער ווערן
צום בלויען הימל
פון מיינע קינדער־יאָרן.

1935

* * *

„דער קייסער האָט באַפוילן זיין קנעכט
ברענגען אים“ — — — — —
גלייב מיר נישט, מיין קינד.
דער קנעכט האָט געבונדן זיין האַר
און אין קעלער אים געוואָרפן.
הערסט, עס דונערט אין דרויסן אצינד,
דאָס האָט דער קנעכט דערשאָסן דעם קיניג!

קוק אויף די פעלדער: זון פארגייט,
די גאָלדענע קרוין ליגט שטיל אויף דער ערד.
גיי מיין זון, נעם ז' צו,
דער קייסער, דער קייסער איז מער שוין נישטאָ.

אין דיין קינדער־צימער

דאָס ליאַלקעלע האַלט איין דאָס געוויין אירס,
ווייל ס'איז געבעד טויט,
און שטעלט אויפן פּנימל א שמייכל פאר דיר אָן.

דיין פערדעלע מיטן אויסגעשטאָפּטן בויך פון שטרוי
האָט געבן דיר זיך איינגערעדט, אז עס לעבט,
נעם צו די פיסעלעך, מיין קינד, עס זאָל דיר נישט צעטרעטן.

די לבנה אַנטלויפט פון דער וועלט אין דיין צימערל אריין,
זי האָט א פּנים פון א מענטש און שווערט זיך, אז זי איז א מענטש.
און מענטשן זאָגן, אז די אויגן אירע זענען בערגער,
אָדער טיפע טאָלן
פון א פּלאַנעט אין אָפּגעלאָשענעם...
אָבער דו, מיין קינד, דו גלויבסט איר אויפן וואָרט,
האָט זי דיך ליב און טרייבט ארויס
די נאַכט, וואָס האָט זיך איינגעריסט מיט שוואַרץ
און שרעקט דיך איבער: א בער, א בער, א בער!...

וויג־ליד

אלע קינדער פון דער וועלט
מוזן מאַמעס וויגן
מיטן זעלבן ניגון
ווי דיך, מיין קינד.

און יעדע וויג
וויגט אין זוניקן לאַנד אוועק,
פון פיין אוועק,
פון נויט אוועק.

דעריבער איז אזוי נאָענט מיר די וועלט
ביי דיין וויג...
וויפיל דאַרף דען דאָס האַרץ
די וועלט ארומצונעמען,
פארליבט צו זיין.

* *
*

אַלע שטעט אַלע גרעסטע ענדיקן זיך דאָך,
און דאָס בילד איז אומעטום גלייך:
א גאַס, וואָס פאַלט אין א ליידיק פעלד אריין,
אַז אומעטיקער וואָקזאַל, א טייך.

גיב מיר די שטאָט, וואָס זאָל זיך ציען און ציען אָן עק,
א ניגון אזא אַ צעזשומעטער, וואָס האָט נישט קיין ברעג...
אָ, סוף־שטאָט! אָ, ווייטיק פון לעצטע מויערן געציילט,
וו עס טוליעט זיך דער עכאָ פון שטאָט אזוי אומעטיק
צ'ם העלדישן שטעג.

לייגט א ריז זיין צעשטורעמטן קאָפּ ערגעץ אין א מוטערס א שויס,
וויינט אים זיין ברויזנדיק לעבן פון יעדן אבר ארויס.
כ'האָב אין מיין זומער געוואָלט זיך פאַרגעסן,
ענדיקט ער אויך זיך מיט האַרבסט,

און מיין טאָג לייגט זיך ביי דער שוועל פון דער נאכט אַנידער און שטארבט,
און מיין צעכוואַליעטער ניגון, וואָס פירט מיך א ווײַלע פון זיך אליין אוועק,
ציט אויך זיך צו זיין שטילן, צו זיין רואיקן ברעג.

— — — — — — — — — — — —

אָ, גיב מיר די שטאָט, וואָס זאָל זיך ציען און ציען אָן עק,
א ניגון אזא א צעזשומעטער, וואָס האָט נישט קיין ברעג!...

האַרבסט

יענער האָט וואָס שווערס אויף זיין געוויסן,
האָט ער זיך אויסגעקליבן דעם שווערסטן טויט פון טויטן:
ער שטאַרבט מיט יעדן אָוונט דעם צעגרויטן
און מיט יעדער בלום, וואָס ווערט דאָ אויסגעריסן.

ער ווערט צוריק לעבעדיק אין ניסן,
באַקומט אויפסניי די ביינער און די הויטן:
ער וויל אויך פון וואַקסן פילן די נויטן
און פון לעבעדיקן דעם צער אין זיך שליסן.

סוף זומער שניידט ער אליין זיך איין די וואונדן,
לאַנג, ווייל ער, זיין גסיסה זאָל געווערן
ס'איז זיין דערשטיקטער קרעכץ אין וועלדער קוים צו הערן,

ווען ער האָט זיין קאָפּ אליין זיך אָנגעצונדן,
זיין שטילקייט איז עס אויף אלע, אלע וועגן,
ווען ס'ברענט זיין מאַרך צו גיין דעם טויט אַנטקעגן.

א מינוט

דער ווינט האָט אָפּגעווייגט טעג גאַנצע דריי,
מיד האָט ער אויף א דאך זיך צוגעלייגט א ווייל,
דער הימל האָט אן עפן געטאָן זיך אַצינד,
ווי דאָס אויג פון א קינד.

וואָסער גליק האָט וועלט ערשט אויסגעחלומט?
אפילו וורעמס זאָגן גוטע בשורות אָן איצט.
טעלעפאָנען־סלופּעס האָבן אויך פון גליק געאַנט
און ברומען א ניגון אויס א פריידיקן געהיים.
די זון פאַלט ווי א מטבע אין יעדנס האַנט,
ביימער ווילן מענטשן ווערן, גיין אהיים... אהיים...
ס'איז אַלץ אזוי דורכזיכטיק ווי קרישטאָל,
דורך דער מויער־וואַנט זעסטו די גאַנצע וועלט,
ווייטן קאָרטשן זיך פאר דיין קליינער שוועל.
וואָס ס'איז שטום געווען — האָט לשון ערשט באַקומען.
א שטיין רעדט אויס זיין טויזנטיעריק שווייגן,
פון רינעס פארבאָרגענע רינט אייביקייט אראָפּ,
מענטש, בעל־חי און שפּראָץ און שטיין צוזאמען.
מויערן האַלטן צום הימל הויך אין שטייגן.
בלויער הימל מאכט די טראָטוארן ווייך מיט גאמען,
וואָסער גליק האָט וועלט ערשט אויסגעחלומט?

34599

דאָרפישער הויף־זינגער

דאָס קינד האָט אין טאָרבע א בייגל און צוקער,
א שטיקעלע וווּרשט, א זעמל, אן עפּל.
א דינסט האָט איר האַרץ אין א פּאַפּירל פאַרוויקלט —
א גילדן א גאַנצן געוואָרפן פון טרעפּ.

נאָר דער טאַטע, דער אין רויטינקען מיצל,
באַפעלט: נישט רירן איצט דאָס עסן אין טאָרבע.
איז דער צוואַנציקסטער הויף שוין, נאָר פּאָר קריגן געשמיסן
ווערט דאָס הערצל אין קינד אָפּגעשטאָרבן.

גייט הייזעריק שוין די „טאַנגאַליגע",
ווי הוסטנדיק הייזעריק א פּאָרטעפּיאַן־פּליטע.
פון זעקסטן שטאָק איבער דער רינע
איז די זון געפאַלן — א רענדל אינמיטן...

זעט דאָס קינד אויפן דאַך הויך טויבן
פּיקן די קערנער ארויס פון די זאַנגען —
קאָן דאָס דאָרפישע פעלד אזש אויבן
מיט די תבואה־בייטן אזוי הויך דערלאַנגען?

הייזעריק, הייזעריק, הייזעריק, העכער.
זעט דאָס קינד דאָס בערגל, דאָס הייזל, דאָס וועלדל —
וואָס גיסט זיך רויט? דער דעמער פון דעכער
צי אפשר דאָס בלוט פון קינדערשן העלדזל?

1938

* *
*

צום טאַקט, מיין זעל, פון וועמעס ווייטע טריט
גייסטו נאָך געשפּאַנט א לעבן לאַנג ווי גלייך?
צום שטילן רויש פון וועלכן ווייטן טייך
ביסטו אָנגעשפּיצט, אָ אויער פון מיין געמיט?

און ס'איז נאָך אלץ דאָס ווייטע פרעמדע ליד,
וואָס מאַכט דיך אַנענדיק טיף אזוי און רייך
און ביסט גאָר דער קעניג פין יענעם קעניגרייך,
וואָס דיין חלום האָט פאר דער וואָר פארהיט.

דעריבער גייסטו אום אייביק פרעמד און ווייט,
דרימלסט ווייך פארוויגט, ווען ארום דיר אלץ שרייט,
און סע ברומט אין דיר, ווען אלץ איז ארום פארוויגן,

און ביסט דאָ קנעכט אין יאָך פון טאָג געשפּאַנט,
דערנידעריקט, ווען אין דיר, אין דיין לאַנד,
ביסטו זוניק אויפן טראָן געשטיגן.

1937

צוריקוועגס

וויקל איין דיין געזיכט אין מיין געמיט,
ווי דער צעוויגטער בוים
זיין צעשראָקן פּנים
אין דער נאַכט.
כ׳בין אַ ציטערדיקע וויג
פֿאַר דער וועלט, וואָס ליגט איר קראַנקן קאָפּ ערשט
דרימלענדיק אין מיר.
פֿאַרוויקל דיין געזיכט אין מיר —
וועט עס שענער זיין און טרויעריקער.

דער טויט, וואָס פֿילט מיך אָן,
איז גוט און דערבאַרעמדיק און מילד,
ווי אַ טרויעריק געזאַנג
אין מויל פֿון אַ קינד
און ווי דער ווינט,
וואָס דרעמלט איינגעשטילט
אויף אַ בוים,
אין חלום די צווייגן קושנדיק.

.2

איך נעם ליב האָבן:
דאָס הויז, אין וועלכן דו האָסט געוווינט
(כ׳האָב מיך אויסגעלערנט יעדעס שפּעלטעלע דערין),
און דאָס געסל, וואָס פֿירט צו דעם
(פֿאַרוואָס קען איך עס אַזוי גוט?)

און דעם שלאָג פון מיין האַרץ,
וואָס נאָר דיינע טריט
האָבן אַזוי צאַרט געקענט שלאָגן.
און אַלע פייגל, וואָס פליען אין דער ווייט
(אפשר וועלן זיי דיך אין זייער פלי דערגרייכן?)
און אַלע בזשאָזשעס אויף די וועגן,
וואָס האָבן דיך געקענט
(איך שעם מיך צו וויינען
און זיי שעמען זיך גישט).

.3

דאָס אַלץ, וואָס שטייט צווישן אונדז,
טונקלט מיטן טאָג צוזאַמען:
פייגל טראָגן אונדזער בענקשאַפט
צום ערגעץ־לאַנד אַוועק,
דעם אָוונט — אונדזער ניגון —
זינגען אַלע הייזער איצט אויס.
אפילו שאָטנס זענען דערבאַרעמדיק אַצינד,
ווי מענטשן פאַרן טויט.
זאָג,
פאַרוואָס ווערט אַלץ ווייטער דער וועג
צווישן אונדז,
איינער צום צווייטן שפּרייזנדיק?

.4

עס שפּיגלט זיך מיין טרויער אין דיין אויג —
אַ בוים ביים וואַסער אין מיטן פעלד.

פון טאָג איז אַ סימן נאָר געבליבן
אויף וואָלקנדליעד אין דער הויך.

יעדן גרעזל איז ליב די וויג פון ווינט,
פאַרמאַכן די אויגן און גישט זען די נאַכט.

שפּילער פון שטיל לעב איך מיין לעבן איבער אויף דאָס ניי
טרויעריק און שיין.

איז אַ הימל טאַקע דאָ דאָרט אין דער טיף?
מיין לעבן נייגט זיך — אַ פאַרקערטער בוים צו אים...

עס שפּיגלט זיך מיין טרויער אין דיין אויג —
אַ בוים ביים וואַסער אין מיטן פעלד.

.5

פאַרהיט —
מיין דין שנירל טריט
אין דער וועלט,
מיין שאָטן,
דעם טונקעלן ניגון פון מיין געמיט,
מיין איינזאַמען שפּאַציר —
מיין ליד,
דעם טרויער פון מיין אויג,
מיין לעצט געשטאַלט
צו דער וואַנט צוגענויגט.

.6

געפין מיר דעם וועג צו מיין ווייטיק —
איך האָב אים פאַרלוירן.
טויזנט דעמערן טרויערן
פון אַלץ, פון אַלץ אַרויס.
ווייך און אומעטיק אָן קלאַנג
שווימען וואָלקנס לייכט
מיט דיינע טריט —
אייביק ווייט פון מיר.
מיין לעבן וועט שוין אַזוי הענגען
פון קיינעם נישט אויפגעוויקלט —
אַ טרויער־פאָן.

.7

און ווייב אַרום מיר,
איי קינד אַרום מיר,
נאָר איך בין אַליין.

נאָר איך בין אַליין
אין איינזאַמען גיין,
און ציטערדיק איינגעהאָרכט אין דיר,
און פול מיט דיר.

דאָס איז מיין אומעט —
דער שאָטן פון דיין פרייד.
צווייגן הענגענדיקע איבער זוניקע פלאַכן
טרויער טריפנדיק.
דאָס בין איך — עמעצנס געשטאַלט.
יענער איז שוין טויט.

.8

דער בוים, וואָס ווייַנט אויס זיין „זיי געזונט“,
מיטן פנים צו דער ערד פאַלנדיק,
אונטערגעזעגט;
דער אינוואַליד,
וואָס שטייט איבערן קבר
פון זיין פאַרשניטענעם פוס;
דער טאָג, וואָס וויל נישט שיידן זיך
און פאַרבאַהאַלט זיך
אין אַלע ברונעמער אויף דער נאַכט;
און איך מיטן דינעם טרויער אָנגעפולט
שיק מיין בענקשאַפט דיר מיט. —
עס שלאָגט מיין האַרץ אַ מיליאָן מאָל איבער
יעדן איינעמס טרויער ביים געזעגענען.
וע:

וויפיל ליבשאַפט מײנע מ׳האָבן באַנען אין דער ווײט פאַרטראָגן,
און מײנע טריט זענען נאָך אַלץ
ליפּן אָנגעשפּיצטע
קוישנדיק דעם טראָטואַר...

.9

אין דײנע אויגן האָט דער שניטער שוין די תבואה געפירט פון פעלד,
און אַלע צווײגן שאָקלען מיט די קעפּ: יאָ, עס איז געשען,
און ווינטן פאָרן זיך מיטן גאָלד פון פאַרנאַכט
אין געבוירן אַ ניגון אַן עלנטן,

אין דײנע אויגן — דער ווײטיק פון מײן האַרבסט, די שײנקײט פון מײן האַרבסט.

בלעטער רוישן, רוישן, ווערן טויטלעך מיד אַנטשוויגן.
כוואַליעס גאַרן צו אומבאַקאַנטע וועלטן
און בלײבן בײם נאָענטסטן ברעג אַנטוישטע ליגן.

דער אומעט אין דײן וואַנדער־בליק —
אַ לײדיק שיפל אויפן טײך אַ הוידנדיקס,
אָנגעבונדן בײם ברעג.

.10

נאָר נישט געוויינטע אויגן קענען אַזוי שײן זײן,
און ס׳איז דײן פּנים פריש נאָך פון נישט קלערן,
דײן העלע פרײד נישט געלאָשן האָבן טרערן,
קענסט זיכער נישט דעם אומעט פון אַלײן זײן.

און וואָס דען מערער ווי נאָר קלײן זײן,
דער טיפער גרונט פון דײן גאַנץ באַגערן.
פאַרלאַנגען אַלע צונויפגעגאָסן ווערן
אין אײן באַגער: געליבט און פאַרשטײן זײן.

דאָך איז אין דיין שיינקייט עפּעס וואָס פאַראַנען,
אַ ווייטער הויך פון וועלטן נישט פון דאַנען,
דיין בליק דערפירט מיך צו זייער ווייטן האפן.
כ'פיל דעם הויך אויף די פליגל פון פרימאָרגן,
אַמאָל אויך אין האַריץ פון דער נאַכט דערוואָרגן,
און אין דער וואונדערלעכער באַגייסטערונג פון שאַפן.

.11

פאַרוואָס ווערט שטיל דער טאָג ווען דו גייסט פאַרביי?
און אַלץ איז אָפּגעטאָן.
אָפּגעזונגען, אָפּגעקלונגען,
און יעדער קלאַנג ווערט ווידערקלאַנג.
אַ פרעמדער איז דאָ געווען און געשטאָרבן לאַנג,
איך בין עם דער פרעמדער, —
איך הער מיין אייגן לעבן אַצינד,
ווי אַ ווייט און פרעמד געזאַנג
אויפן ווינט.

.12

א תפילה

דערבאַרעם זיך אויף מענטשן, וואָס טראָגן
וועלט איבערקערעניש אין זייער בלוט,
און פטרן זיך אויף דער ריזיקע,
און שטאַרבן אונטער די רעדער פון אַ צוג.

אויף אַלע וועלטן, אויף אַלע שטערנס,
וואָס ווילן שלאָפן און מע לאָזט זיי נישט,
און מוזן דרייען זיך,
אַרום זיך אַליין, צי אַרום עמיץ אַנדערש וועם,
ווי בלינדע פערד דרימלעדיקע,
די ערד האַלט אין איין באַגערן, יערן און ווערן,
און געבוירט דערנער און ווילד=גראָז,

און זי האָט זיך אויף דיר דאָך פאַרקוקט,
און געוואָלט געטלעכעס, געטלעכעס, געטלעכעס שאַפן.
דערבאַרעם דיך אויף איר.
איך וויים, אַז אַלץ איז אַ רינג אין אַ רינג,
און יעדער טאָג
איז אַ קלאַנג נאָר אין אַ גרויסן ווונדערלעכן ניגון,
וואָס זיין אָנהייב איז דער באַשאַף פון דער וועלט,
און זיין סוף — דער סוף פון אַלע דורות.

פאַרוואָס האָסטו מיך נישט באַשאַפן פון אָנהויב אָן
און מיר לעבן לאָזן ביזן סאַמע סוף,
איך זאָל דיך קענען באַוווּנדערן אויפן גאַנצן
און זאָגן דיר אַ לויב:
— ס'איז ווונדערלעך! ס'איז שיין!

און איך, און מיין זיידע, און מיין אייניקל וואָס קומט,
קומען אין מיטן און גייען אַוועק,
און פרעגן: וואָס? צו וואָס? פאַרוואָס? —
שטיקלעך נאָר געהערט —
דערבאַרעם זיך אויף אונדז.
מיין קינד האָט דיך געזאָגט און וויינט אָן אַ פאַרוואָס,
און יעדע כלי פאַלט פון מיין האַנט,
ווען זי האָט דיך מיט איר שטומקייט פאַרנומען;
איך בין נישט זיכער מיט מיין שאַנק, מיט מיין טיש,
מיט מיין וואַנט,
זיי זאָלן זיך נישט אויפהויבן אַ פראָסטן אינדערפרי
און אַנטלויפן פון מיר,
פון דיר פאַרפאָלגט. —
דערבאַרעם דיך, דערבאַרעם דיך אויף אַלץ!...

אין געשיר־שאַנק

דעם גאַנצן קרוג מיט אומעט אויסגעטרונקען,
שטייען לייכטער אין טרויער טיף פאַרזונקען.

און אויסגעדרייט מיט שנאה צו זילבער־גאָלד געשירן,
שטייען ליכט אַסקעטיש־דין — גזירים.

און גאָפּל־מעסער, די רציחה שוין געזעטיקט,
דרימלען אויך, דעם כעס מיט שלאָף פאַרגלעטיקט.

נאָך לאַנגער שווייגעניש פּלאַצט אויס דאָס גרויס רגילות,
רעדט מען צווישן זיך אייגם אויפן צווייטן אויס רכילות:

„די טעלער זענען זיך אַזוי אַ חבֿרה לוסטיק־פּלאַכע,
צעפּינקלט זיך מיט זון און האַלטן אין איין לאַכן.

די פרומע ליכט זענען פאַלש, זיי שמעלצן זיך פאַר תענוג,
ווען ס'ווערן אין זייער פלאַם פליגן שווער געפּייניקט".

ס'וועט „אַ ראָזרוכע" זיין באַלד, אַ געפּעכט אין דער טונקל,
דאָס גאָפּל־מעסער שטייט גרייט צום קאַמף אין ווינקל.

און דאָס צעשמייכלט גאָלד, דאָס אויפגעקומענע גבֿירל,
שטייט צו פּליטה גרייט ביי דעם סאַמע טירל.

1937

נ ו י ט

עס זענען בײַ דיר אויך שוין, מאַמע מײַנע, געל אַזוי די אויגן,
און דײַן קלייד ווערט וואָס אַמאָל מער אויף דיר צעריסן,
די לעכער פון דײַן קלייד, ווי מײַן צעריסענער געוויסן,
האָט דאָס לעצטע ביסל בלוט מיר אויסגעזויגן.

מע וועט דיך אויך שוין אַזוי, מאַמע מײַנע, מיידן, מיידן,
פּאַסט אַזוי זיך נישט צום עלעגאַנטן טראָטואַר,
מיט קרומע קנאַפּל, אײַנגעהאָרבעט דאַר און קוואַר,
ביסטו דאָך דאָס שרעקונגס־בילד פון לײַדן!

עס ליגט שוין אַזאַ אומזיכערקייט אין דײַנע טריט,
ס'איז אַזוי וואַקלדיק דײַן גאַנג ווי דײַנע בעטנדיקע רייד,
טראָפּנווײַז רינט אויס דאָס לעצטע ביסל פרייד
אין דײַן זונס אויסגעטראָגן ליד.

ווו דו קומסט, טראָגסטו מיט זיך דעם וואָלקנדיקן טאָג,
ווו דו קומסט, שטייסטו שטיל און וואַרטסט, גייסט נישט ווײַטער פון
דער שוועל,
פילסט זיך ווי אָרעמע גרינוואַרג־הענדלער, וואָס וואַגן נישט צו שטעלן
זייערע ברודיקע קוישן אינעם אויפגעראָמטן צוג.

אָ, מאַמע מײַנע! צו דײַנע אויסגעקרימטע שיך בייגט זיך ערשט דײַן זון
און קושט זיי לאַנג, און וויינט ווי אַ קינד און מאַכט די ערד באַלד נאַס.
וואָס קאָן ער טאָן דען מער, אַז ס'פּאַלט נישט זײַן האַס
אין דער וועלט אַריין ווי אַ שוועבעלע אין אַ פאַס בענזין!

1934

פון דער פּאָעמע „אלט לובלין"

.1

וואָס איז עס פּאָרט, וואָס שמידט צו זיך מיין בליק?
קויט און קויט און גראַטעס און צעבראָכענער שטיין,
מיין אָרעם פאָלק! דיין עבר — פול געוויין
פּלאַצט פון יעדן שטיין אַרויס, ווי פון אַ האַלדז הערשטיקט.

געסלעך שמוץ, ריחות, קלעפּיקייט, געגוג!
געגוג געזעגן דעם פּיין! איך וויל
פון די געסלעך דאָ ארויס, נאָר שטיל
רופט אַ קול ווי אַ טויבן־שטים: צוריק!

אָ, אלט לובלין! אנטלויף איך דען פון דיר, דו יאָגסט מיך נאָך
און אין מיין צימער הער איך נאָך דיין בראָך,
דורות ווייטיק, שאַנד און פּיין.

קען איך אַנטלויפן דען? אַז אין מיין בלוט
ברומט דער ניגון דער זעלביקער צעגליט,
וואָס פילט דיינע געסלעך אָן מיט אַזאַ פאָרכטיקן געוויין!

.2

עס פאָרן אלץ נאָך בוידן פון לענדער פיר געקומען,
אויף די גאַסן האָבן מיך פּרנסים אַזוי טרויעריק עמפּאַנגען.
און עס גייט דער שמועס איבער פּדיון שבוים, מ'האָט יידן ווו געפאַנגען,
און עס גייט דער שמועס איבער גזירות, וואָס לויערן און קומען.

---

[1]) ועד ארבע הארצות — טעטיק געווען פון ארום 1519, אין מלך זיגמונטס צייטן.

ס'איז אזש קראַנק מיין קאָפּ, ער האָט אזויפיל צער דאָ ערשט פארנומען,
איז עמיץ נאָך אַ באַלבירער [2] אין דער נאַכט געגאַנגען,
משה מוגטאַלטו [3] וועט אַ רפואה מיר דערלאַנגען,
ס'איז פון וויטיק פאַרטריקנט מיר דער גומען.

אָ, אַלט לובלין! ס'וועלן זיך נאָך יאָרן אַזוי ציען דייגע געשפּענסטער,
און כאָטש ערגעץ זינגט שוין אויך דאָ אַרויס ראַדיאָ פון אַ פענצטער
אַ פלאַכן טאַנגאָ און ס'זשומען איבער דיר הויך אעראָפּלאַנען,
וועט אייביק אין שקיעה פארן גענימן אויער
זיך טראָגן פון אונטער יאָרן לאַסט געוויין פון דורות טרויער
און יענע טונקעלע שרעק, נישט פון דאַנען...

3.

אין בית-מדרשל פון „חוזה מלובלין" [4]

א פרימאָרגן אין בית מדרשל פון „חוזה מלובלין",
אַ בעקער שטייט ביים עמוד און יאָגט שנעל-שנעל דעם מנין,
בעלי מלאכות און סוחרימלעך, וואָס יאָגן זיך צו אַ קנין —
ווו לויפסטו הארץ מיינס פון דאַנען? וווהין?

דיך יאָגט די ווירקלעכקייט, און ס'איז דיר ליבער דער רואין,
פון אונטער חורבות זעסטו די אַלע הייליקע געשטאַלטן,
אין די ווינקלען דאָ — אין איטלעכן זעגען זיי באַהאַלטן
און דאָס ברומען זייערס — ווי אַ טויב, אַזוי גאָנגדיק דין...

---

[2] באַלבירער — אַ רופא, אין אַלטן יידיש פון יענער צייט.

[3] משה מולטאַלטו — אַ רופא מומחה אין אַלטן לובלין, נפטר געוואָרן אין שצ"ז. זיין טאַטע ר' אליהו מונטאַלטו איז געווען לייב-דאָקטאָר ביי לודוויג דעם דרייצנטן, דעם קעניג פון פראַנקרייך. משה זיין זון איז נפטר געוואָרן אין לובלין.

[4] דער חוזה מלובלין — פון די פּאַרצייטישע גרויסע חסידישע רביים אין פוילן. „חוזה" האָט מען אים גערופן צוליב דעם, וואָס חסידים דערציילן, אַז ער האָט געזען 400 מייל אויף 400 מייל.

ס'האָט אָפּגעדראַווענט דאָס געזינדל קרעמער שוין, זיי זענען שוין פאַרשוווּנדן,
אַזאַ פּלאַם האָט פּליצים יהעל זיך אָנגעצונדן,
אַזאַ פּאָרכטיקע, אַזאַ איבערמענטשלעכע פרייד דאָ —

דער חוזה מלובלין און די הייליקע חבריא.
עס גליט אַרום דיר דער פּלאַם פון די תּלמידים די געטרייע,
אַט באַלד הערסטו דאָס קול פון ייד הקדוש דיין גרויסן זיידן.[5]

1936

---

[5] דער „ייד הקדוש“, א תּלמיד פון חוזה מלובלין, ר' יעקב יצחק ראַבי-נאָוויטש (געלעבט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק), געווען פון די גרעסטע מנהיגי החסידות. פון זיין שיטה האָט זיך אַנטוויקלט דעם שפּעטערדיקן קאָצקער רבינס שיטה, וואָס האָט דאָס חסידות אומגעקערט פון האַרץ צום מוח: אינערלעכע קאָנטעמפּלאַציע, טיפן פילאָזאָפישן דענקען און דערקענען זיך אַליין, אָדער ווי דאָס חסידות רופט דאָס „נישט אָפּנאַרן זיך“; דער מחבר — אַן אייניקל זיינס.

פֿאַרפֿום

אַזוי זעט אויס דאָס געזאַנג פֿון בלומען־ווייסער ווייַן,
אַזוי בלייבסטו, ליד מייַנס, ווען כ׳וועל שוין מער נישט זייַן.

ווי יענער טרויער, וואָס פֿאַרגייט זיך שטיל אין דופֿט
און ס׳טיילט אַ מאַנטל אויס אים אין דער לופֿט.

עס ווייַנט די שיידונג אויפֿן טראָטואַר,
וואָלקנס זעגען שוואַרצער קרעפּ פֿון צער,

אַ בינטל יאָרן ווי מטבעות אויסגעשיט —
פֿאַלן צו פֿאַרשווינדנדיקע טריט.

פֿון אַלע שויבן דרינגט אַצינד די קלאָג,
ווי דער אומעט, וואָס פֿאַרשפּרייט אַ ליכט בייטאָג.

אַזוי זעט אויס דאָס געזאַנג פֿון בלומען־ווייסער ווייַן,
אַזוי בלייבסטו, ליד מייַנס, ווען כ׳וועל שוין נישט זייַן.

* *
*

דאָס נאָענטע — פּילן ווייט און ארומגיין שטיל און בענקען.
דער היינט — אַ נעכטן אַזאַ, וואָס דרימלט אין געמיט,
ווי דער אָנהויב פון עפּעס אזא וווּנדערלעכן ליד,
אָדער ווי דינע שפּיץ־פינגערדיקע טריט
פון אַ ניגון, וואָס איז אַוועק און דאָך געבליבן הענגען.

קוים אָנגעצוטאַפּן אַלץ, וואָס לעבט דערנעבן שטום:
ס'איז שטיל, ס'איז שטיל, ס'איז שטיל — שטיל געזאַנג.
קראַנקע בלומען זויגן דעם שלאָף־געטראַנק
און אַלץ דאָ איז א מעשה, וואָס איז געשען לאנג
אָדער וועט געשען אין יאָרן אין יאָרן אַרום.

א חתונה

אַ גאַנצע נאַכט אין רוישיקייט פאַרוויגט זיין:
פידלען, טענץ, ווייטע געסט;
מיין זעל — אַ פויגל ביי אַ פרעמדער נעסט —
צווישן ערט שוין דאָס ליד פון באַגליקט זיין.

אַ בליק, אַ נייער קלאַנג, וועט נענוג זיין
צו ווייטיקן דעם וויי, וואָס האָט קיין מעסט;
יענעם ווייטיק, יענעם גליק, דו זעסט:
דער טויט אַליין וועט אויך פון אים באַזיגט זיין!

צום וויפלטן מאָל, מיין זעל, וועל איך דיך פירן
אויף חתונות, דו זאָלסט זיך דאָ פאַרלירן,
דערפילן דיין עלנט — אַ וויינענדיקן ניגון,

חתן־כלהם טרער מיינט דיך, און אַלע אומעטיקע אויגן,
דער באַצערטער באַס און די סמרונע „גע“ צעצויגן,
און די נאַכט אַליין — דער גרויזאַם־שיינער ליגן.

טויט

זיי האָבן איינמאָל אים דערפילט נאָר אין זייער בלוט,
וועלן זיי שוין אַ לעבן לאַנג זיין שווייגן אין זיך טראָגן
און פילן נאָר יענץ קוים־דערהערטע קלאָגן
פונעם האַרבסט־ווינט אין אייביקן בלעטער־פאַל פון געמיט.

זיי וועלן האַנדלען־וואַנדלען, נאָר אינדערמיט
בלייבן שטיין ערגעץ־וווּ ביי ראָגן,
און זען, אַז דער האַסט פון זייער וואָגן
פירט דאָך אויפן שפּור פון זיינע טריט!

וועלן זיי אַלץ פאַרשטיין און אויף אַלעמען פאַרבויגן
און וווּנדער זען אין יעדער, יעדער זאַך,
און זוכן די געמיינשאַפטלעכע שפּראַך

צום בעל־חי׳ם שטומקייט אין די אויגן,
און פון דעם ווי, וואָס דרימלט נאָך און וועט ווערן וואַך
אין דער צוקונפט ערשט — שוין פילן אין זיך די רויגן.

III

באַגעגעניש מיטן ערשטן רויטאַרמייער

איך ווייס נישט, צי האָסטו מיך דעמלט דערקענט,
מיין פורל געפאָרן איז פונקט דיר אַנטקעגן,
דער דעמער — ווי דעמער, די זון האָט דערברענט,
די וועלדערשע קרויכען אויף ראַנד פון די וועגן.
אַליין זיך אַ פּאָבע געמאָן האָבן הענט:
איין וועלט אָפּגעזעגנט, א צווייטע באַגעגנט.

געדענקסט מיך? צי ווייסטו, ווי כ'האָב דיין געשטאַלט
טיף אין מיין האַרצן אויף אייביק פאַרזיגלט?
כ'געדענק יעדעסביימעלע דעמלט אין וואַלד,
דאָס שטעגל, וואָס פירט דאָרט אַרויף-צו צום היגל,
און עפּעס אַ הייזל דאָרט חרוב און אַלט,
און לעבן דעם הייזל — צעוואָרפענע ציגל.

כ'געדענק פון דיין פּנים דעם מיגדעסטן שטריך,
וואָס בענקשאַפט האָט ליכטיק געקריצט אין נשמה,
וויפל פייגל געווען דאַן, כ'וואָלט געציילט דיר אויף גיך,
די שטילקייט אפילו גערופן ביים נאָמען,
דער שטערן אין הימל — געשטעלט וואָלט ער זיך
אַן עדות פון אונדזער באַגעגניש מסתמא.

אַ מיגוט נאָר אַזעלכע אַ לעבן אַנטשיידט,
קיין וואָרט האָסטו דעמלט, נאָר אַ טרער אין די אויגן...
די וועלט ביי-באַשאַפן פאַר דיר איצטער שטייט,
דרייסיק יאָר לעבן ווי נישט געשטויגן.
און ס'איז דיין געמיט ווי מיט סטרונעס געגרייט,
יעדער סטרונע געשפּאַנט איז און וואַרט אויף אַ בויגן.

אַ האַרין ווי אַ האַרץ — דערגייסט דאָ קיין טאָלק,
ברויז פון געפילן, און שטום זעגען ווערטער.
וויינט עס די מאַמע, און נויט איר פאַרפאָלגט,
אויפן שוועל פון איר עלנט מיין אָפּשייד באַטרערט זי —
און אפשר צעוויינט זיך אין מיר האָט מיין פאָלק,
וואָס ווארט שוין יאָר־טויזנט אויף דערלייזונג באשערטער?

און טראָגט זיין ירושה פון דור צו דור
אַ הייפל פאַרשעמטע, פאַרפייניקטע קנעכט —
איך האָב איצט דערהערט, דערהערט אַזוי קלאָר
דעם גאַנצענעם גרויל פון טעג און פון נעכט,
וואָס האָבן אין שוידערלעך ריזיקן כאָר
פון שונא דערציילט, וואָס פאַרלענדט און פאַרשוועכט.

אַ טרער נאָך אַ טרער... און דיין שמייכל ווי ליגנד:
„חבר, וואָס וויינסטו?“ געטאָן האָסט מיך פרעגן,
נאָר איך, — ווי א בלאָנדזשענדיק, וואָגלדיק קינד,
וואָס האָט פלוצלינג אין וואלד אויף ווילד־פרעמדע וועגן
די מאַמע באַגעגנט און וויינט נישט געשטילט,
נאָר זיין געוויין איז אי צער אי פרייד איבער ברעגן.

האָסט זיכער פאַרגעסן מיך פון זיג צו זיג,
נאָר איך טראָג דיין בילד נאָך אַלץ אין מיין זינען,
ווי איך טראָג דער מאַמעס ליד איבער מיין וויג,
ווי איך טראָג איר ליבשאַפט אין האַרצן פאַרשפינען,
וואָס אָן א שיעור ווייטיק און צער איז דערין
און גליק אָן אַ מאָס, אומגעהייערע גליק.

1940

אין אָקטאָבער־צוג

און אזוי האָט דער טאָג אונדז פאַראייניקט,
מיר גייען געפּאָרט אין דער ריי,
עס דאַרף דאָך די פרייד אַזוי ווייניק
אויף ווערן נאָענטע פריינד.

עס שפּילט דער אָרקעסטער איצט „מאָסקווע",
דאָס ליד — אַזוי גאָגנדיק באַנג —
דעם צוג דעם לאַנגן פאַרוואַנדלט
אין אַ קייט פון לויטער געזאַנג.

דו ביסט פון באַרוף אַ פּיאַניסטין,
און איך — אַ סך צו דערציילן...
נאָר אַלץ מיטאַמאָל ווילסטו וויסן
איצט, אין דער קלייניקער ווייל.

פאַר דיר איז אַלץ דאָ באַקאַנט שוין,
און איך — איך הייב דאָך ערשט אָן...
און בין אין טעג בלויז פאַרוואַנדלט שוין
מיט אָקטאָבערס רויטער פאָן.

ס'איז גרויס די פרייד פון געפינען,
איז וואָס, אַז אין פריידיק געזאַנג
גאָך באַהאַלט זיך די פּיין פון אַנטרינען
און די ליידן די אַלטע פון לאַנג?

די אָפן געלאָזענע גריבער —
די צייט זי פאַרשיט, זי פאַרשיט.
„יעסלי זאַווטראַ" — דער צוג רירט אין פיבער —
איך גיי מיט, איך גיי מיט, איך גיי מיט!

1940

פּיאַניסימאָ

ס'איז ערשט יעדער ווינט א ווײגל,
און איטלעכס האַרץ דערנעבן,
כ'וועל צו יעדן פּידלער צוגיין:
— שפּיל מיר אויף מיין לעבן.

כ'האָב קיינמאָל אויף די וועגן
קיין האַלבוועגס אָפּגעריטן,
נאָר אייביק מער געזעגנט
און בענקשאַפטלעך געליטן.

און דאָס סאמע נאָענטסטע
האָט ווייט מיר אויסגעוויזן,
פון איטלעכער באַקאַנטשאַפט —
א פול האַרץ מיט ריסן.

אַלץ געווען, וואָס פאר מיר,
כ'האָב טיף געפילט די נויטן...
ס'איז נאָענט געווען דער צער מיר
פון איינגעבויגענע פלויטן.

פאר וועמען איינצושטעלן זיך,
ווי פאר פריינד די בעסטע —
איינצולייגן וועלטן
פאר חרובדיקע נעסטן.

ס'איז ערשט יעדער ווינט א ווײגל,
און איטלעכס האַרץ דערנעבן,
כ'וועל צו יעדן פּידלער צוגיין
— שפּיל מיר אויף מיין לעבן!

1939

פאַר פרילינג

ווילִיק, צי אפשר נישט ווילִיק,
אזוי ווייט דעם האַרצן און פרעמד,
פאַרן ליכטיק צעשמייכלטן פרילינג,
עס האָט מיין געמיט זיך פאַרשעמט.

ס׳איז אזויפיל פאַרביי און עס קומט נאָך,
נאָר אין מיר, ווי שטיל איז, ווי שטיל!
אַמאָליק אזוי עס ברומט נאָך
ווי א טויב דער יונגער אַפּריל.

ווער ווייסט פונוואַנען די בעריאָזע
וויגט א גרוס מיר מיט צווייגן פאַרדאַרט?
אין די שויבן פון פרילינג די ראָזע,
ווי אין די ראָזיקע שויבן פון האַרבסט.

ס׳איז ערגעץ פאַרפרוירן מיין חלום
אין ווינטער אויף שניי און אויף אייז,
ערשט שלעפן ווינטלער ביי פאָלעם,
ווי קינדער אן אלטיקן גרייז...

זיי וועלן אים ערגעץ דערפירן,
אויף וועגן — ווער ווייסט ווּהין.
אויף פעלדער אים ערגעץ פאַרלירן
ביי פייגל, ביי ביימער, ביי גרינס...

1939

אין שפּיטאָל

מײַן שכן, דער יונגער לייטענאַנט,
האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויפֿן באַנק ביים ראַנד,
האָט אַ ריס געטאָן פֿון אויגן די באַנדאַזשן.
די שוועסטער האָט אים צוגעשמידט צום וואַנט,
באַפֿוילן אים: ליגן נאָכאַנאַנד,
אפֿילו דעם פּנים זיך נישט וואַשן.

די שוועסטער — פֿון שרעק בלייך און ווייס:
— יונגער מענטש, ווי באַגייט מען אַזאַ גרייז?
אַ טראָפּן שיין איז סם דאָך פֿאַר די אויגן,
נאָר ער גיט בלינדערהייט אַ ווייז
אין צייטונג אויף דער פֿאַרגעלייענטער גיים —
דער שונא איז פֿון מאָסקווע אָפּגעצויגן.

און פֿון הארץ גיט א ריס זיך א געזאנג —
ער מוז אַוודאי זיצן אין געדאנק
אין זיין טאַנק אויף שטורעם אָנגעצויגן.
זע: אָט פֿלאַמט שוין אויף זיין טאַנק,
נאָר ער — ער רוט נישט אזוי לאנג,
ביז דער פֿלאַם פֿארנעמט נישט זיינע אויגן.

1942

IV

ביראָבידזשאַן 1948 — 1944

אין בוי־געדויש

צו וויפל אַזעלכע בוויוגנען אָן צאָל
האָב איך פארפעלט זייער אָנהייב צו געווינען,
כ׳בין נישט געווען ביים בויען קאָמסאָמאָלסק
און דניעפּר־בוי מיר שטעלט נאָר פאָר מיין זינען.

ערשט שטיי איך ביים געבוירן פון א שטאָט,
וואָס באָדט זיך אין פרימאָרגנדיקע טויען,
און כאָטש איך וויים, עס איז דער ערשטער טראָט
אין קומענדיקע שפאַנען פון דער בוויוגג, —

דאָך פיל איך שוין דעם וואַקסנדיקן גוף
פונעם ריז, איך האָבן זיין מעכטיקייט געאַנט שוין;
אין בוי־געדויש איך הער דעם איבערוף
פון טויזנטער אזעלכע־אָ גיגאַנטן!

אויפגאַנג

אָ, אויפגאַנג זוניקער,
קאַיאָר אין מיינע שויבן,
אויפגאַנג אין מיין זעל:
גלויבן.

ווי ווייט מיין אויג דערגרייכט,
העל איז איבער דעכער,
און טאָל ווערט טיפער ערשט,
און באַרג ווערט העכער.

און טייך ווערט שטראָמיקער,
און בוים ווערט שענער,
און גערוים און גרעסער ווערט,
וואָס געווען איז קלענער.

און ס'איז באַפעל אצינד
מיין גליענדיקער אָטעם;
אַמאָל טויזנט כפלט זיך
מיין יונגע שטאָט דאָ.

און ס'וועט די צייט
אזוי לאַנג בישט געווערן.
כ'טאַפ אָן מיט דער האַנט
דאָס קומענדיקע ווערן,

דעם קומענדיקן רויש
פון בויענדיקע הויבערס.
אָ, אויפגאַנג זוניקער,
קאַיאָר אין מיינע שויבן!

מיין געגנט

עס טוישן זיך אַלץ אין מיר די געפילן,
אַמאָל פון א קינד, אמאָל פון א מוטער.
און כ׳בין אַלץ פארהערט און וואַך ווי א היטער
איבער דיין גליק, און קען מ ך נישט שטילן.

ביים סוף פונעם אַלטן פארגאַנגענעם יאָר —
א רמז א קליינער, א רמז א שפּאָרער,
מיין טייערע געגנט, עס ווערט מיר אַלץ קלאָרער:
ס׳גייט איבער דער חלום צו ליכטיקער וואָר.

גאָלד ווערט אויבעט אין פלאַמען געפרווט
אויף ווייסן זיין ווערט, אויף האַלטן עס טייער...
האָסט באוויזן דיין האַרטקייט אין וועלטישן פייער,
איצט הער איך אין ווייטן דיין שם, דיין רוף...

איז מיר איצט אזוי נאָענט דאָס געפיל
פון א מאמען, וואָס הערט דאָס קינד אירס לויבן...
און זי האָט דערין דאָך נישט אויפגעהערט גלויבן,
ווען עס האָט נאָך אין וויגל געשפּילט...

און עס טוישן זיך אַלץ אין מיר די געפילן
אמאָל פון א קינד, אמאָל פון א מוטער...
און כ׳בין אַלץ פארהערט און וואַך ווי א היטער
איבער דיין גליק און קאָן זיך נישט שטילן.

אדאנק דער סאָוויעטישער ארמיי

פאַר דער שטאָלץ פון מיין טראָט, וואָס איז נישט צו שפּאָט,
פאַר דער געוווּנענער רו אין דאָרף און אין שטאָט.

פאַר טעג אַלע העלע, וואָס זענען באַשערט,
נישט זיין געגליכן צום בלאַנק פון א שווערד.

פאַר דער מי, אונדזער מי מיט געהעפּעניש געבענטשט,
פאַר אומקערן דעם מענטש דעם פּנים פון מענטש.

פאַר דער ציטעריקער ליבשאַפט פון א מאַמע צום קינד,
וואָס איז נישט פאַרשוועכט פונעם שונא אצינד.

פאַר צעזונגענער פרייד פון פרילינג דערוואַכט,
פאַר טאָג, וואָס איז טאָג, און נאַכט, וואָס איז נאַכט.

פאַר דעם, וואָס עס גלוסט זיך אזוי נישט פאַרשטעלט
לעבן און לעבן אויף דער וועלט —
— אדאנק דער סאָוויעטישער ארמיי!

א באַרג־אַרבעטער

ער ווייזט מיר דעם הילצערנעם סקעלעט
פון זיין הויז, עס פעלן נאָר די פענצטער,
אויף דעם דיל געלייגט די ערשטע ברעט,
זיין הויז עס איז גישט פון די קלענסטע.

דערווייל פאַריכט ער דעם ברעזענט
פון זייןביידל און בעט מיך איך זאָל הערן:
צוויי טעג געמיט זיך ביי די ווענט,
דער דאַך וועט בלויז א טאָג געווערן.

די שויבן וועלן זיין צו דער ענדע וואָך,
צו ענדע וואָך וועט זיין דער דיל און טירן,
זיין הויז פאַרוואָקסן איז דערווייל מיט מאָך, —
נאָר ס'וועט איינגיכן אים א גערטנדל באַצירן.

דערווייל, ער וואַרט אָפּ דעם הודאָק,
ער וועט מיך צו דעם שטיינער־בלאָק דערפירן.
דער קאַרביט־לאָמפּ פאַרהאָנגען, ווי א גלאָק,
באַלד וועט דער באַרג זיין דינאַמיט דערשפירן.

איך גלויב דעם יונג, זיין פייערדיקן פלאַם,
ווי גאָענט ער ווערט, ווי איך ליב און אכט אים;
אויף באַק זייגער זיך רויטלט נאָך דער שראַם,
א זכר פון די דורכגעמאַכטע שלאַכטן.

אָ, וויפל קראַפט, גלויבן, ווילן שטאַרק
פאַראַן אין זיינע ווערטער פּראָסטע;
אָט באַלד שוין ער פאַרמעסט זיך אויפן באַרג,
ווי ער האָט אַמאָל זיך אינעם קריג פאַרמאָסטן!

כינגאַן־טײַך

ס׳איז שטורעמדיק דער שמאָלער טײַך כינגאַן,
פֿון די בערג פֿליסט ער אין דער נידער
און הייבט זיך אין די הייכן ווידער,
ער שטעלט נישט אָפּ זײַן פֿרײלעכן געזאַנג.

נאָר פֿון בוי דער לעבעדיקער קלאַנג,
ווי ער וואָלט זיך מיטן רויש פֿאַרוועטן,
פֿון פֿרימאָרגן ביזן אָוונט שפּעטן,
די מי איז, ווי א טײַך אין איר געדראַנג.

איך הער זיך אײַן איצט אין דײַן רויש, כינגאַן!
דו האָסט אַזויפֿיל סודות צו דערציילן
פֿון אוצרות אין די בערג דײַנע געבענטשטע, —

פֿאַרגעס נישט אויך דעם וווּנדער מיטצוטיילן
פֿון אוצר גרעסטן ביי דײַן שוים, וואָס איז פֿאַראַן, —
די שעפֿערישע מי פֿון דײַנע מענטשן!

די סאָפּקע

איך האָב מיין געמיט מיין חלום פּארטרויט:
— ווי שיין איז די סאָפּקע מיט הייזער פּארבויט!
אָט אויפן שפּיץ דאָרט א מויער — א פּראכט,
מיט ליכטיקע פענצטער צעשיינט אין דער נאַכט.

צופוסנס דער סאָפּקע א הויז און א הויז
זיך שיילן זיך טיילן פון גיפּל ארויס.
מיט גיפּל דער באַרג־שפּיץ ארום איז פּארוועבט,
די הייזער די ווייסע ווי מירמלנע טרעפּ.

און כאָטש ס'איז מיין סאָפּקע נאָך ליידיק אצינד
מיט ווילדן געוויקס דער רוקן צעגרינט,
שפּרייזט ערשט מיין האַרץ א יאָר נאָך א יאָר,
ווען אָט דער חלום שוין ווערן וועט וואָר.

דערווײַל...

דערווײַל איז פֿעלד נאָך נאָענט בײַ מײַן הויז
און ווינט גיט אַן אָטעם מיט ליידיקע ווײַטן,
נאָר איך האָב אין דאָזיקן וווּנדער א צײַט שוין
זיך געלערנט אין וויגציקן זען וואָס איז גרויס.

כ'האָב פֿאַרשפּעטיקט צו הערן דעם ערשטן געקלאַנג
פֿון זעג און פֿון העק ביים בויען אין פֿיבער,
רופֿט מיט בויער די ערשטע זיך איבער
אין מיר דעם קומענדיקן בויערס געזאַנג.

וועגן זיי די לידער

אומעטום פון זייער מי דער צייכן:
א הויז, א ברוק — וועגן זיי די לידער,
און פון אלץ ארום פון אָט דער מי, הער —
איין פאַרלאַנג: דערגרייכן!

ס'האָט זייער טראָט די צייט נאָך נישט פאַרלאָשן.
אין שטילע נעכט צום האַרצן פון פאַעט
א שטיין אפילו, וואָס געקענט האָט זיי — ער וועט
דערציילן רעם וווּנדער אויף זיין אייגן לשון.

און כאָטש ס'איז אלץ נאָך אָנהייב, נישט פאַרענדיקט,
און יעדע גאס — פון תחילת גיין א סימן,
וועט מען ערשטע בויער, זייער גבורה רימען
שטענדיק.

שלום־עליכם גאַס

נישט ווי ס׳איז ביי אים אין די ביכער קלוג באַשריבן,
נישט דיך האָט ער מיט זיין געלעכטער אויסגעלאַכט,
זיין גרויסער נאָמען איז פאַרקניפּט מיט דיר פאַרבליבן,
ווייל אַזוי האָט ער געהאָפט, אַזוי האָט ער געדאַכט.

אַזוי האָט אַ גאַס אַ יידישע איר תיקון
אָפּגעפונען אין בוויונג און אין טאַט,
אַ גאַס, וואָס זאָל פול זיין מיט פאַבריקן:
„דעטאַל“, „דימיטראָוו“, וועבער־קאָמבינאַט.

מיט מחנות, וואָס ציען צו דער אַרבעט אין פאַרטאָגן,
און עס באַגלייט געזאַנג זיי אין דער ווייט,
נאָר אַזאַ גאַס איז דיין נאָמען ווערט צו טראָגן
אָ, מייסטער, אין דער טיפער אייביקייט!

איז ערגעץ ווו אזא מין האַרבסט פאַראַן?

איז ערגעץ ווו אזא מין האַרבסט פאַראַן?
די זון איז פאַרגאַן און נישט פאַרגאַן;
עס ציט זיך נאָך לאַנג איר זיידענער שלעפ
אויף מויערן, אויף
הייזער, אויף ביימערישע קעפ.
דו גייסט און דו גייסט און ווייך איז דיין טראָט —
האָט אויסגעבעט ווער דאָ מיט זיידנס די שטאָט?
יעדער קלאַנג, יעדער שאָרך ווי נישט זיין וואָלט פונדאַן.
ווו איז אין האַרבסט אזא אָוונט פאַראַן?
ווו וויגט זיך ווי הי דער צווייגן־געפלעכט
אין סקווערן האַלב־טונקל ביי אָנקום פון נעכט?
אין טונקעלן ווינקל א קעמערל גליק.
אָ, ריר נישט, פארליר נישט די שטילע מוזיק.
אין בלוי איינגעוועבט, אין זיידנס גענייט,
דורכזיכטיק־ליכטיק דערהויבענע פרייד.

כ'וועל נישט מינערן מיין פרייד דאָ אויף א האָר

כ'וועל נישט מינערן מיין פרייד דאָ אויף א האָר;
זיי אָפּן, האַריץ, פאַר רעגונג פאַר דער קלענסטער:
עס זענען אויפגעקומען נייע ביימער דורכן יאָר
און אין א נייעם הויז איז צוגעקומען פענצטער.

און דאָס קליינע קינד אויף דער מאַמעס הענט,
וואָס האָט צוגעמאַכטע אויגן געהאַט נאָך ביי מיין קומען,
שמייכלט שוין צו מיר, ווי עס וואָלט מיך געקענט,
און ציט די הענטלעך, ווי צו דער זון — די בלומען.

נאָך א ניי פּנים פון פראַנט זיך אומגעקערט
און יעדער טאָג, ער בלענדט מיט נייע ליכטער.
וויפיל פרייד איז אים נאָך באַשערט
אָ, ערד, דיין געטרייען דיכטער!

א נאַרייער

איז מיר גוט אזוי וואָס ביסט מיט אַלע גלייך,
וואָס אַלץ אויף דיר איז זייבער צוגעקליבן,
וואָס דיר איז פּושקין און לערמאָנטאָוו נישט פרעמד,
און האָסט אַליין א ליבע-ליד געשריבן...
איך וויים שוין לאַנג, אז א ים מיט שיין
דרינגט אויך דורך אויגן-אָפּשניט שמאָלן...
איז גוט צו זען ווי גאַנצע דורות פּיין
ריגען אוים, ווי א שווערער חלום...

ס'איז יום־טוב

אזא מין וואונדערלעכער טאָג פון זוניק בלענד
דו אָטעמסט די ברייטן, דו אָטעמסט די ווייטן.
ס'איז אלץ אזוי נאָענט, און עס האָט אלץ קיין ענד,
און הימל מיט ערד מיט זילבער זיך בייטן...

ס'איז יום־טוב אין גאס, ס'איז יום־טוב אין גאס!
און די וואַנט איז צו דין דיין מי צו פארשליסן,
איז וואָכיק דיין מי דען אין צימער בשעת
דורך פענצטער דער פרילינג גיט איבער דיר גרוסן?...

ערשטער טייען

און נאָכאַמאָל פרילינג, ערשטער טייען,
ווי ס'וואָלט די זון די ליפן צוגערירט
א קוש צו טאָן די ערד... פון געבייען
רינען טראָפּנס־קלאַנגען פון קלאַוויר.

א ווינטל לויפט און מיט א סוד פארלירט זיך,
נישט דערלאָפן צו דעם עק פון גאַס,
און ווי עס וואָלט די גאַנצע ערד געצירט זיך
צום אָנקום פון א גרויסן גאַסט!

דער פֿרילינג פֿון זיג

דער פֿרילינג פֿון דער מענטשהייט גייט,
פֿון שטראַלן און הימל־בלוי געגייט. —
אויף שפּיצן פֿינגער שוועבן טעג,
(נאָך יאָרן גרויל, נאָך יאָרן שרעק
די שטילקייט זאָל נישט זיין געוועקט)...
נאָר עפּעס רירט זיך, עפּעס רעגט
אין דער וועלט, וואָס האָט אויפֿגעוואַכט.
א רגע שטייסטו, און דיר דאַכט,
אָט וועט א בליץ טאָן אַלץ ארום...
עס שטייט א קינד מיט אויגן, שטום,
פֿאַרגאַפֿט, און ווייסט נישט וואָס עס איז געשען,
ס'האָט דאָך נעכטן נאָך געברענט
דאָס הויז, דער סאָד און אַלץ ארום...
און פּלוצים — שטיל...
א מילדע שפּיל
פֿון פֿלאַטערלעך,
זיי יאָגן זיך אראָפּ־ארויף
איבער חרובדיקע הייף...
ס'איז אויבן בלוי, און אונטן גרין —
גאַלאָפּ, גאַלאָפּ, אויף גיך פּארציען
א זיידן שטראַלעכל א העלם...
פֿון ערגעץ ווינקלען, ווו עס קוועלט
א שטרעמעלע פֿון זונען־ליכט,
וואָס וואַשט פֿון קליינינקן געזיכט
פֿון קינד זיין אומעט אָפּ —

דער פרילינג גייט...
דער פרילינג גייט!
און מיטן פרילינג קומט די פרייז
אויף דער וועלט, וואָס אויפגעטייעט
און מיט לעבן זיך באַנייט,
און צעשענקט די שמייכלען ברייט,
אין יעדער אומעטיקער שטיב,
אין הויז, צעפּילדערט און באַרויבט,
א שמייכל שענקט ער יעדן בליק
און בעט א שמייכל אָפּ צוריק...
זיי פריילעך, וועלט, ס'איז צייט פון זיג,
פון קומענדיקן שאַפונגס־גליק!
זאָל פריילעך זיין, ווער ס'האָט געשמאַכט
אין שונאס קלעם, אין שוואַרצער נאַכט,
זאָל פול ווערן מיט גליק צעיערט,
ווער ס'האָט נעכטן נאָך געטרערט —
דער פרילינג גייט!
הער זיך איין, אָט באַלד דו וועסט
דערהערן, ווי פון שונאס נעסט,
פון שונאס שווארצער שלאַנגען־נעסט,
זיך טראָגט פון טויט דער לעצטער קרעכץ.
אזויפיל שלעכטס, אזויפיל שלעכטס
א וועלט געטאָן, נאָר הויב דיין בליק
אויף חורבות, חורבות ארום־רונד,
עס איז געבליבן נאָך א גרונט
אויף אָנצוהייבן אלץ אויפסניי.
געבליבן איז אן אויג, וואָס וואַכט,
ס'איז אומעטום פאַראַן א האַנט,
וואָס זי וועט בויען וואַנט נאָך וואַנט,
און איבער וועגט וועט זיין א דאַך!
אויב אויסגעראָטן איז פון הויז
דאָס הויזגעזינד, איז געבליבן דאָך
עמעץ ערגעץ ווייט פון בראָך —

ער וועט קומען, ס'וועט געשען,
ס'וועט גרעסער זיין, ווי ס'איז געווען,
און שטאַרקער זיין, אויף קיינמאָל מער
פון שונאס האַנט נישט זיין צעשטערט, —
דער פרילינג גייט!

1945

כ׳האָב א העלד געזען

כ׳האָב א העלד געזען, ער איז גישט הויך,
גישט ברייטפּלייציק, גישט מוסקוליק האַרט,
און גישט קיין שטרענגער בליק, וואָס דאַרף באַווייזן כּוח,
וואָס דאַרף באַווייזן ווילן אייגנעשפּאַרט.

א געזיכט — ווי שטיל אזוי, ווי לינד;
וואָלסט געשווירן: עס ווערט קיינמאָל אויפגערעגט,
עס צעשמייכלט זיך ביים דערזען א קינד,
באַגריסט דער ערשטער א באַגעגנטן אין וועג.

נאָר האָסטו פון זיין קאמף און זיג געהערט,
איז ווי אַ שטורעם וואָלט אַדורך די ערד,
ווי א וויכער וואָלט א זונען־פעלד פארקלעמען

און אין שטילן פעלד צעצונדן סטויג נאָך סטויג;
דו געדענקסט זיין אויג, זיין פארחלומט אויג,
זיין ווייך געזיכט — קענסטו עס באַנעמען?

בירע הייסט ער אונדזער טייך

(פאָלקס־מאָטיוו)

בירע הייסט ער אונדזער טייך,
ביי דעם עק־שטאָט פליסט ער,
און דער פּאַרק — א קעניגרייך —
שניידט זיך אינעם וואסער גלייך.
געדענק איך נאָך ווי איצטער:

דער פּאַרק איז מיט אלייען פול,
די לעצטע פון אלייען —
מיר פלעגן דאָרטן זיצן שטיל.
אין דער טונקל איינגעהילט,
און ליבשאַפט מיר אינצווייען.

נאָר איינמאָל צווישן ליבע רייד —
ווער קאָן די ווייל באַשרייבן!
„מיין לעצטער קוש דיר פאר צעשייד,
דער קאַמף פאר אונדזער לאַנד עס גייט,
ווער קאָן דאָ איצטער בלייבן?"

נאָר אין דעם פּאַרק, אין דער אליי,
ביימער רוישן, ברומען,
און מיר דוכט, איך הער אין זיי
אזעלכע טרייסטנדיקע רייד:
— „דיין ליבסטער וועט נאָך קומען".

דער פּראָנטאָוויק קערט זיך אום אהיים

ס'האָט פיר מאָל געווינטערט, געזומערט אָן דיר,
און ס'האָט דאָס פעלד זיך אין דער ווייט געריסן,
ווי דער הונט, אָנגעבונדן ביי דער טיר,
האָט פאר בענקשאַפט די קייט איינגעביסן.

ס'האָבן דריי ביימער דיך ארויסבאַגלייט אין וועג,
און דאָס לעצטע הויז האָט אויך געפּרוווט א גיי טאָן,
און דיין יינגעלע האָט נישט געפרעגט — „מע מעג?“,
און אין הויכן העמדעלע אין ווייט ארויסבאגלייט האָט.

און דו ביסט יאָרן אין אָקאָפּ,
אין נעץ, אין קעלט, אין פייער אָפּגעלעגן,
נאָר דאָס תבואה־פעלד געדוישט האָט אלץ אין קאָפּ
און אין הארצן — א געבענטשטער רעגן...

ווי ליב איז נאָכן ארבעטס־טאָג די שקיעה.
פלעגסט טרינקען, ווי רויטן וויין, איר גלוט,
האָסט נישט פארגעסן זי, ווען דיינע וויעס
פארגאָסן האָט דיין אייגן בלוט.

און נישט איינמאָל אין א שטורמישער בהלה,
ווען די ערד האָט זיך געריסן שטיק אויף שטיק,
האָסט דעם בריק אזוי היימיש געזען אין חלום
און דאָס וואסער אונטערן בריק...

אזוי ביסטו איראָפּעס אלע שטעט אדורך.
דער קאַמף מיט שלעכטס — דיין מאַרש איבער דער וועלט
דאָס איז פאר דיר געווען א יעטן
דאָס בייזע ווילד־גראָז פון געבענטשטן פעלד.

איצט טאַנצט דער האַרבסט אַ פֿרייַלעכס, ווי אַמאָל אוים.
מיט בלעטער־קרייז און אין ווילדן שפּאַס
לויפֿן ווינטלער נאָך און ציען ביי די פּאָלעס,
ווי קינדער אַ היימישן, אַ ליבן גאַסט.

און טשאַטעס פֿייגל זאָגן אָן די בשורה,
דיין היימיש דאָרף צו דיר אַנטקעגן גייט,
דאָס לעצטע הויז, פֿון ביימער דריי אַ שורה,
און ס'רייסט פֿון פֿרייד דער הונט זיך אויף דער קייט...

אוודאי איז נישט אַלץ, ווי דו האָסט געלאָזן,
ס'פֿעלט עפּעס דאָ און עפּעס דאָרטן פֿעלט,
זיי מוחל אים, דיין הויזגעזינד, פֿאַרגאָסן
האָט אַ מבול דאָך די וועלט, דיין היימיש פֿעלד...

די קראַפט פון פאָלק אין יענע טעג

...און אויב ווערסט ווייסן וועלן, פונוואַנען
די קראַפט פון פאָלק אין יענע טעג,
אין טעג פון פרווו, פון גרויל, פון שרעק,
ווען שונא האָט — ווי א גרויסע שלאַנג —
דאָס לאַנד פארקראַמפט אין ענגן צוואַנג, —
ווען שטאָט נאָך שטאָט אין פלאם און בראַנד,
דאָרט, וווּ אַמאָל, ס'געשאַלט די פרייד,
מיט פלימים ווייסע צעזייט, צעשפרייט,
אויף וועג, אויף שטעג, אין פעלד, אין וואַלד,
אין שרעק געדוכט זיך האָט, אז באַלד
זיין טייוול־פיסק רייסט אויף דער פיינט
און לעשט די זון, וואָס אויבן שיינט,
און אין זיין חיה־צאָרן ווילד
מיט חושך אַלץ אין נאַכט פארהילט;
אויב ווייסן וועלן ווערסט, פונוואַנען
דאָס פאָלק מיט קראַפט און מוט באַגייט,
דעם פיינט אויף דור־דורות ווייט
דערשלאָגן האָט, נישט אויפצושטיין, —
דאַן פרווו אין שפעטע נאַכט, צוגיין
פאַר די פענסטער פון פאַבריק,
שוין דריי, שוין פיר,
גאָר דורכן שויב ווערסט זען דאָרט זי,
געבויגן איבער איר געשטעל...
ס'לויפן, ס'יאָגן שעה נאָך שעה,
ס'איז טאָג, ס'איז נאַכט פארביי, נאָר דאָ
זי שווערט די פרוי נישט אָפצושטיין

פון מאַן, וואָס פירט ערשט זיין געפעכט
מיט פיינט, און אין די שפּעטע נעכט
זי פּיילט דעם וואָפן אויס צום זיג,
פאַרגעסט אין קינדערשן געוויין,
(עס איז אין הויז אליין, אליין),
האָסט דאָס געזען, — דאַן ווערט דיר קלאָר
דער איינגעשפּאַרטער דראַנג פון פאָלק
צום לעבן, וואָס איז שטאַרק, ווי שטאָל,
אים ברעכט קיין כוח אין דער וועלט;
ער שטראָמט — א ים, אים נישט פאַרשטעלט
פון צייט קיין שטער, קיין צוים,
דיר דוכט אמאָל, אַט לעבט ער קוים,
ווי א פלעמל אויפן ווינט,
נאָר אין געפאַר, אין פלאַם זיך צינדט,
דער פלאַם אין איינס דאָס פאָלק דערנענט,
און אין זיין קראַפט דעם פיינט צעברעכט.

דער סאָוויעטישער פרוי

דיין יעדער בריוו איז געווען א ווייסע טויב
אינעם הימל, דעם פארכמאַרעט־שוואַרצן,
דיין צערטלעכקייט געטראָגן מ'האָט אין האַרצן
צווישן טויט, אין פייערדיקן שטויב.

די האַרטע ערד — זייער געלעגער
איז ווייך געווען מיט דיר אינעם געמיט,
דו האָסט פארשנעלערט זייערע טריט
אויף שלאַכטישע און שטורעמדיקע וועגן.

פון ברעג צו ברעג ביסטו געווען דער בריק,
ווען ס'האָט דער פיינט די בריקן אויפגעריסן,
דיר דערפאר די שענסטע גריסן
פון לעצטן שלאַכט פון גרויסן זיג.

איצט קלייב די פרייד פון הערצער אויפגעשטיגן,
זי געהערט צו דיר, געליבטע, מוטער, פרוי,
ווּעסט אונדז באגייסטערן אין פרידנס־בוי,
ווי האָסט באגייסטערט אויפן פראָנט צום זיגן.

* * *

האָסט אומעטום דיין צערטלעכקייט געטראָגן:
מיט דער ליבשאַפט פון לערנען א קינד דעם ערשטן טראָט
האָב איך געזען דיך, ווי די האָסט אויפן זאַוואָד
אזוי מוטערלעך יעדן אויטאָ־וואָגן
ארויסגעלאָזט אויף זיין ערשטן גאַנג,
דעם היימלאַנד א געשאַנק.

און דאָרט, ווו ס'האָבן געלויערט די געפארן
אויפן פראָנט צווישן פלאַם און רויך,
פרוי סאָוויעטישע, האָסט דאָרט אויך
צוזאמען מיט דיין מוט דעם איינגעשפאַרטן
אריינגעטראָגן אין דער מינוט פון די
יענע ווונדערלעכס, וואָס איז נאָר דו, נאָר דו.

א בילד

איז ווי זאָל נישט פרייען אזא מין־אָ בילד:
אָט זעסטו דאָס הויז און אויבן א שילד —
„געבורטס־הויז“, קוקסט איין זיך דורך זויבערער שויב:
א געווינערן זעסטו, די קליינינקע טויב
זי האַלט אָט דאָס קינד — איר ערשטער פארמעג.
דער טאַטע אין גאס ביי דעם פענצטער ער שטייט
ליכטיק־צעשמייכלט דער פנים פון פרייד.
איז שטעל זיך אוועק געבן טאַטן און שטיי,
און הער פונעם קינד דעם יונגן געשריי,
אַלץ לויטערער ווערט דאָס געפיל, דער פארשטאַנד.
אָט קייטלען אין פרייד זיך די דורות באַנאַנד.
כ׳דערזע אזוי קלאָר אינעם קינד אויף דער האַנט
דעם יורש פון מוט און פון קראפט אין מיין לאַנד.
און כאָטש ס׳איז דאָס קינד נאָך אין וויקעלעך פארהילט —
איז פרייט דיך, איז פרייט דיך אזוי אָט דאָס בילד.

„אינטערנאַציאָנאַלער יוגנט־פעסטיוואַל אין פּראָג"

דו פרעגסט, ווו אייל איך? ס'האָט יעדער טאָג זיין פרייד,
עס לאַדט מיך איין אויף שמחות יעדער טאָג,
הייגט בין איך צו דער יוגנט איינגעלאַדן
אין דער הויפּטשטאָט פון טשעכן־לאַנד, אין פּראָג.

עס פירט צו דיר מיך נישט קיין שיף און נישט קיין באַן,
דעם וועג פאַרקירצט דער פילם, דער עקראַן,
און גליקלעך איז מיין אויג, ווייל עס דערגייט,
וווּ עס דערפירט מיך נישט מיין שפּאַן.

— גוט מאָרגן, נעגער־יאַט! כ'דערלאַנג
מיין האַנט דיר דורך די צענער טויזנט ווערסט,
ווי ווייל דיין שמייכל איז, אין דעם געזאַנג
פון פעלקער האָב איך הייגט דיין שטים דערהערט.

דיין טראָט איז פעסט און יונג!
צום אָפּגאַנג שפּאַנסטו איבער אַלע ווייען.
גוט מאָרגן דיר, דו, אינדיע־זון,
שלום דיר, טאָכטער פון קאָרעע!

כ'האָב אייער פרייד פון געזיכט אָראָפּגעלייענט,
ווען לעגינם בילד מיין לאַנדסמאַן ט'אויפגעהויבן,
מיט מוט און גלויבן.

אויף שפּראַכן זיבעציק עס ברויזט איצט אייער ליד,
פון יעדן פֿאָלק עס זינגען זיינע קינדער.
איר כּוחות פינצטערע, טרעט אָפּ דעם וועג!
טרעט אָפּ דעם וועג, איר, מלחמה־אונטערצינדער!

אַ יוגנט שפּאַנט, דו הערסט איר קול,
איר עכאָ נעמט זיך וויגן אין די רוימען.
אַ יוגנט שפּאַנט, ווי אַ טייכן־שטראָם
און ברעכט אין וועג די אויפגעשטעלטע צוימען.

צו דער אומגעקומענער מוטער

1

כ'גיין אַ מענטש נאָר, און אַ מענטש פאַרגעסט
גרויסע פרייד און גרויסן טרויער,
זיך גישט אויסבאַהאַלטן פון דעם געזעץ —
פון זכרון פאַרגייט'אַ מת,
און דער ווייטיק פון שיידן אומגעהויער.

כ'בין אַ מענטש נאָר, און מיך דערפרייט
פון אַ פיאַנע שטילע טענער,
פון בלומען ליב איך אַלץ די רויז.
דער טאָג פאַרגייט, די נאַכט פאַרגייט,
ס'איז גרויס מיין וויי, ווען נאָר קלענער
דער זומער ווערט, אַ מינוט נאָר בלויז...

דאָס רעטעניש, אין מיר פאַרשפאַרט,
זוכט אַלץ נאָך אין דער פרוי באַשיידונג.
ס'נאַרט איינע אָפּ, אַ צווייטע נאַרט
נאָר מיין נשמה אַלץ נאָך וואַרט
אַ נאַקעטע אויף איר באַקליידונג...

נאָר ס'טרעפט אַמאָל ווי נאָענט איך פיל,
עס גייט מיין טראָט דעם לעצטן וועג אויס,
און כ'שטיי ווי דו פאַרן פיינט דער ציל,
פאַר איין טויט און טויטן פיל,
און כ'נאָג דיין פיין ביז צום ברעג אויס!

2

ווייל ערגעץ אויף אַ גאַס, די אַלטע, בלייכע פרוי
דערמאָנט מיך אַלע פרי מיין מאַמען אַזוי גענוי...
און כאָטש זי האָט נאָך קיינמאָל נישט געטאָן אויף מיר קיין בליק,
מיר דוכט זיך פאָרט: איך קען זי פון מיין וויג.
איז וויכטיק דען מיט וועמען זי גייט צי זי שטייט,
און אַז אירע רייד זענען נישט מיין מאַמעס רייד,
ווייל יעדער נויג ביי איר איז פאָרט דער מאַמעס נויג
און אַזאַ מילדקייט ווי אין דער מאַמעס אויג.
ווילט זיך נאָכגיין, נאָכגיין, ביי איינעם פון די ווענט
צו איר אַ פאַל טאָן: מאַמע, האָסט מיך נישט דערקענט?

אזא מילדקייט

מען קען זיך נישט אויפהייבן איבערן ליד
אין געזעצן פון ריטמען געבונדן —
ס'בלייבט עפּעס איבער איבער אינעם געמיט,
וואָס אַ מאַמע פאַרשטייט עס אין שווייגן פון קינד אירם.

כ'האָב זיך מיט אַלץ נישט געטיילט מיט די פריינט.
דעם ווייטיק און צער פון אָנוואר פון שווערן,
דעם פרייד פון די זיגן, דעם אויפשטייג פון היינט
און ווו איך זאָל מיך נישט ווענדן און קערן —

איז פעלסטו מיר, מאַמע, דו פעלסט מיר אַציגד.
אַזוי גרוים פון נקמה אינעם פיינט דאָס געפיל,
נישט מיט וואָרט אויסצודריקן, וואָס אַ מאַמע ביי קינד
פאַרשטייט עס אָן ווערטער, אַ שווייגנדיק שטילע...

פאַר דיין אייגענעם טויט, פאַר דער גרוליקער פּיין,
וואָס ס'איז אַלץ נישט געבוירן דערפאַר נאָך קיין נאָמען,
וואָלסטו נאָר אַליין מיט דיין אייגענעם זיין
דעם אויסדרוק געגעבן דער פרייד פון נקמה.

דיין העלער נאָמען

זי גייט מיט שטאָלץ פון זינען נישט אַרויס,
דאָס קאַזאַכיש מיידל, געבענטשט זאָל זיין איר הויז;

טייער מיידל, אויף אייביק זיי געבענטשט,
אזויפיל גוטסקייט ווי קומט צו איין מענטש?

ווי אַ שווערן חלום איך זע נאָך אויף דער וואָר,
יאָר צוויי און פערציקסטער, דאָס שווידערלעכסטע יאָר!

נאָר דיין שמייכל גייט נאָך מיר אין דער וועלט,
דיין ערשטער קבלת־פּנים אויף דער שוועל.

איז טאקע צען טויזנט ווערסט פאראן
פון מיין מערב־שטאָט ביז קאַזאַכסטאַן?

ס'האָט דיין בליק די שטרעקע דאָך דערנענט,
אַז היימיש כ'פיל מיך אין דיינע פיר ווענט.

ס'איז גרינג צו זאָגן, כ'האָב נישט געפילט זיך פרעמד,
כ'בין געקומען דאָך, געקומען אין איין העמד.

און אָפּגעריסן פון דעם לאַנגן וועג,
אין קלומעק מיינעם אַלץ, מיין פאַרמעג...

דאָס דורכגעלעבטע דיר נאָך נישט דערציילט,
נאָר דיין ביסן האָסטו שוין געטיילט.

דיין העלן נאָמען טראָג איך נאָך אַצינד,
קאַזאַכיש מיידל, דו סאָוועטיש קינד!

צו אײנער פון געטאָ

איך קוק זיך איין אין דיר, ווי עס זענען פּיינען —
ווי עס זענען אַזוי גיך פאַרפלויגן,
ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט, ליכטיק שיינען
מיט לעבן פול דיינע יונגע אויגן.

עס זאָל כאָטש אַ קנייטש אין זיך פאַרבאַהאַלטן,
פון מאַרטירער־וועג דער קלענסטער סימן,
דיין צעזונגען לייב, ווי עס וואָלט אַ שאָל טאָן
שטורעמדיק אַזאַ לעבן־הימען.

און דו ביסט דאָך געווען אין געטאָ־מויער,
אויף דיר דאָך טעג און נעכט־געיעגן,
און נאָך דיר האָט דאָך דעם שונאס קויל געלויערט,
ווען ארויס ביסטו פון טויטן ריזו אויף וועגן...

און ווען דו האָסט דערנאָך דעם שונאס עשאַלאָנען
אין לופט געלאָזט, איז וויפל האָט דערוואַרט דיר
טויט־געפאַר, נאָר נישט דערקאָנען
איז דאָס אַלץ אין דיינע שטריכן צאַרטע.

איך קוק זיך איין אין דיר, ס'האָט נישט פאַרצערט
דער פּיין דיין געמיט — אַ וווּנדער.
ביסט פון זאַפטן, פון מיין פאָלק גענערט,
פון פאָלק, וואָס לעבט אויפסניי אויף מונטער!

לייענענדיק „דריי מתנות" *

דאָס בוך איז פאַרמאַכט, נאָר אַ פּאָדעם
פאַרבאָרגן זיך שפּינט אין געמיט.
די טאָכטער פון „דריי מתנות"
פאַרביי שוועבט מיט איידעלע טריט.

עס לויפן פאַרביי די יאָרהונדערטס,
נאָר שלעכטס בלייבט אייביק דאָך שלעכטס,
און אייביק וועט העלדיש אין וונדער
זינגן, וואָס אייביק גערעכט.

צום שאַנד און שפּאָט פון די שונאים
מיין שוועסטער ווערט ווידער געפירט,
דעם צלם פאַרבייט איצט דער האַק-קרייז,
נאָר מיין שוועסטער דעם מוט נישט פאַרלירט.

דער פיינט ביז די ציין איז באַוואָפנט,
מיין שוועסטער דעם טויט, וואָס דערוואַרט,
זי האָט אויף איר קראַפט נישט צו האָפן,
נאָר איר ווילן ווי שטאָל איז האַרט.

אָט פרוווט ער זי נעמען מיט גוטן:
— „זי זינגט דאָך זאָ רייצענד, זאָ שעהן!"
איז וואָס, אַז זי שטאַמט פון די יודען?
— „שאַדע, זאָ יונג נאָך, זאָ קליין!..."

---

* פאָלקסטימלעכע געשיכטע פון י. ל. פרץ.

וואָס ער וויל? זיין פאַרלאַנג איז באַשיידן...
ס'איז קיין פאַרלאַנג „אין דער טאַטש",
אַ וואָרט בלויז זאָל זי אויסרייד‏ן, —
„דאָס אָרט פונעם אָטריאַד..."

מיין שוועסטער בלייבט שטום אין „גוטן", —
איז געפּרווט זי אין פייער פון ביין:
גלייקע דרעט אין די בלוטן, —
„פאַרשאָלטענע, זאָג, וואָס דו ווייסט!"

און נאָדלען טיף אונטער נעגל,
— שוועסטערל, האַלט זיך, אָ, האַלט! —
מיין שוועסטער האַלב טויט ביי די שלעגער,
איר קערפּער באַגיסט ווער מיט קאַלטס.

דער פּיין ווערט מערדעריש גרעסער,
מיין שוועסטער איז שוואַרץ שוין, ווי קויל,
מיין שוועסטער פאַרשלאָסן אויף שלעסער,
קיין קלאַנג, קיין וואָרט פון איר מויל.

וואָס ווייטער געשען? — נישט וויכטיק
באַפרייט האָט מיין שוועסטער דער טויט;
פאַר קומענדער וועלט, וואָס איז ליכטיק,
מיין שוועסטער איר לעבן פאַרטרויט.

אָ, מייסטער! דער גאָלדענער פאָדעם
דורך דורות ער האָט זיך פאַרהיט.
די טאָכטער פון „דריי מתנות" —
דאָס אייביקע העלדישע ליד!

צווישן ברידער

און איך בין צווישן אייך, מיין בליק עס קושט אייך אוים,
אָ, ברידער מיינע האַרציקע, שוועסטער מיינע טייערע,
מיר זענען קינדער דאָך פון איין מאַמעס שוים,
איר שטילע זאָרג פאַר מיר, ווי פאַר לעבנס אייערע.

ס'האָט יעדער צו דערציילן דאָ פּאַסירונגען אָן צאָל,
יעדנס לעבן איז אַ וווּנדערלעכע מעשה,
ס'איז גוט אַזוי צו וויסן, אַז אייביק לעבט דאָס פאָלק,
זיין פּאָדעם ליכטיקן קיין שונא וועט צערייסן.

און איך בין דאָ ביי אייך און רעד מיט גרויס און קליין,
און צווישן מענטשן פרייד־דערמאָנונגען, וואָס אומגעריכטע,
אַ בליק אַזאַ, וואָס רירן קען אַ שטיין,
און ווי זאָל עס ניט רירן די נשמה פון אַ דיכטער?

כ'האָב פאַרשטאַנען יענעם טריבן מיידל־בליק,
דעם מאָדנעם אויגן־שפּיל ביים בחורל פון זעכצן,
אָ, קינדערלעך, זאָלן פול זיין איצט מיט גליק,
ווי בעכער שוימיקע, אייערע יונגע הערצער!

אוועק שוין לאַנג די צייט פון פיינט און זיין געוואַלט,
מיט צוזאָג ליבן ווינקט איעדער אונדזער האַפן.
איך גיי צווישן אייך, צווישן יונג און אַלט,
ווי אין אַ טיפן וואַלד מיט שלאַנגדיקע זאַפטן.

אָט באַלד צעברומט ער זיך, צערוישט ער זיך אין ווינט,
דערציילט ער פון דער קראַפט אין זיין טיף באַהאַלטן
און יעדעס עופעלע, יעדעס פיצל קינד —
אַ צווייגעלע באַהעפט צום דעמבן־וואַלד דעם אַלטן.

אָפּרו

פֿאַר אָפּרו דײַנעם איז אַזױפֿיל שײנקײט פֿאַראַן...
קלײַב אױס דאָס װינקעלע בײַם טײַך:
דאָרט פֿליסט אַזױ שטיל און געלאַסן
די צײַט,
װי מיט אַ װיגליד פֿאַרװיגט.
דאָרט קערן זיך אַלע שיפֿעלער צוריק,
װאָס האָסט אַמאָל אין קינדהײט
געשיקט זײ מיטן װאַסער...

פֿאַר אָפּרו דײַנעם איז אַזױפֿיל שײנקײט פֿאַראַן...
אַ נישט געזעענער מאָלער
האָט דעם טײַך אין פֿאַרבן אָנגעצונדן,
און בעריאָזקעלעך פֿאַרחלומט
צו נידער אָנגעבױגן.
צװישן אָראַנזש און באָרדאָ און טונקל־בלױ —
װײַסע פֿלעקן
פֿון הײַזעלעך בײַ ברעגן,
פֿון בריקלעך,
פֿון פּלױטן.
באַלד װעלן אין רױטן
זיך אַלע װינקעלעך
פֿאַרדעקן,
און מיט זײַדענע געװאַנטן
דעם האָריזאָנט פֿאַרהענגען:
דאָרט װײַט בײַ די ראַנדן
גײט די זון זיך באָדן...

פֿאַר אָפּרו דײַנעם איז אַזױפֿיל שײנקײט פֿאַראַן...

מיין שטעטל

און ווען איך וועל אַהין דערגיין,
וועט זיכער שוין דאָס הויז נישט שטיין,
און בלייבן וועט צו טאָן א ווייַן
ווי אַמאָל אַמאָל אַ קינד.

און ווי אַמאָל אין מאַמעס שויס
די מעשה אירע לאָזט זיך אויס:
— געווען אַמאָל, געווען אַ הויז,
נישטאָ, נישטאָ אַצינד.

און צווישן ציגל, הויפֿנס אַש,
רויִנען־גרוז און קויט און מאָזש,
פֿאַרגאַנגענהייט ווען טאָן אַ טאַש
ווי אין קאָרטן־שפּיל דער ווינט.

נאָר וואָס געווען וועט זיין שוין ווייט,
אַזוי ווייט פֿאַר גייער צייט.
נייע צייט און נייע לייט —
דאָס מעשהלע פֿאַרשווינדט.

א בריוו

איך בין אזוי, ווי איך בין אין דיין זכרון,
דין געוואָרן צו בלויער בענקשאַפט בלויז,
דורכן וועג צו דיין ווייטן לאַנד וואָס גרויס
און דורך אַלע אָפּגעלעבטע יאָרן.

ס'איז דען האַרבסט? ס'איז געשניטן בלויז דער קאָרן,
נאָר נידעריקער פֿאַלט אין אָוונט הייַנט די רויז
צו איר בייט, ווי א קינד צו מוטערס שויס,
און סע ווייַנט די שרעק פֿונעם פֿאַסטעכס האָרן.

כ'בין אזוי, ווי אין דיין זכרון, אַלץ דינער.
און סע וויל אזוי זיך גלייכן צו די פֿאַרבן,
צום נישט דערהערטן הויך פֿון זייער שטאַרבן

אויף וואָלקנס אָוונט איבער לאַנקעס גרינע,
און צו די אַלע סודות אָן באַשיידן
און צום טויט, וואָס שטייט צווישן אונדז ביידן.

יאַגאָ

יאגאָ:
איך בין אין בלוט,
נאָר איך לעב נאָך... (אָטעללאָ)

אָט שטייט פאַר אונדז נאָך זיין געמעל,
איז ער שוואַרץ, צי העל, צי געל,
נאָר אלציינגס עס וועבט די שפּין
אַ פלאָנטער-נעץ פאַר מענטשן-מין
און פאַלש באַטריגנדיק איז ער,
סע רירט אים נישט קיין קינדס א טרער,
אַ פּרוּים געזיכט, וואָס איידל צאַרט,
אַ ווילן העלדיש איינגעשפּאַרט.
ער צעשטערט ווען עמעץ בויט,
ער פאַרזייט נאָר שרעק און טויט,
פאַרוואַנדלט ליבע גלייך אין האַס,
טיפן ערנסט אין אַ שפּאַס,
און גליקלעך ווייסטו, ווען ער איז?
ווען צווישן פריינד ער מאַכט אַ ריס,
אוןביידן אין שנאה אויפגעשטעלט;
דעמלט שטייט ער און ער קוועלט,
און כיכיקעט אזש פון פרייד.
מיין פריינד, דו געם אים נישט מיט רייד,
נישט צו אים דו אַפּעליר,
צעטרעט אים, ס'זאָל קיין שפּור
אויף וועלט נישט בלייבן פון זיין געביין.

* *
*

1

און וויפל מאָל שטיי איך און ווייס נישט ווו צו גיין,
אין ווייס, אַז כ׳האָב קיינעם נישט און גיי צו דיר,
און סע נעמט מיך אויף דער ערשטער, מיין גוטער פריינד — דיין טיר,
און כ׳שטיי אַ וויילע און וויש אָפּ מיין געוויין.

נאָר ערגעץ האָט אַ קנייטששעלע אויף מיין געזיכט אַ קליינס
זיך הויך אַזוי צערעדט פון יענע אַלע נעכט,
ווי כ׳שטיי אַליין מיט חושך אין געפעכט
מיט ווייטע, ווייטע וועלדער און עלנטיקן פליין.

און דיינע אויגן ווערן לאָמפּן פון אַן איילנדיקן צוג,
וואָס שניידט די נאַכט זיך יאָגנדיק צום טאָג.
דוכט זיך, וואָס איז אַ צוג? אַ פייף, אַ רויש, פאַרשווונדן,

נאָר ס׳בלייבט אַזוי נאָך אים שוין אויפגעוועקט די נאַכט
און דער גוטער אָנזאָג, וואָס ער האָט מיט רויש געבראַכט,
און דער זאָמען ליכט, וואָס ער האָט נאָך זיך געצונדן.

2

...דאָס איינציק דינע קנייטשעלע, וואָס לויפט פאַרביי דיין שטערן
און קאַרבט איין אין זיך אַן אומעט קוים צו הערן,
און מאַכט נאָך שענער פיל די צעשטראַלטע פרייד פון פנים —
ווי אַ ווינטל קיל עס לויפט פאַרביי אין יוני

אַ תבואה=פֿעלד, וואָס כוואַליעט זיך אין פֿאַרבן —
און וויינט, אַזוי ווי ס'וואָלטן אַלע גאַרבן
שוין געשטאַנען לאַנג אין שייער גרייט צו פֿירן
און פֿאַרשלאָסן הינטער שווערע טירן...
דאָס איינציקע דיגע קנייטשעלע עס פֿלאָנטערט אין די רייד זיך —
אַ מורמל=פֿעדעמל פֿון בענקשאַפֿט, וואָס פֿאַרגייט זיך
צו וועלטן נישט פֿון דאַנען, צו ווייט געאַנטע וועלטן,
ווי לעבן=טויט זיך שפּילן אין באַהעלטעניש...

פאר שלום

ס'איז לײדיק אין די הימלען אַצינדער —
טאָ לאָמיר צו זיך אַלײן בעטן,
צו אונדזער גוטסקײט, װען מיר טוליען די קינדער
אויפֿן אָרעם און האַלדזן און גלעטן.

דאָס קינד בעט: דעם הימל דערלאַנגען,
אַ שטערן אַ װײטן אים ברענגען.
און מיר לויפֿן דערפֿילן די פֿאַרלאַנגען,
װעלטן אים װײטע שענקען.

אָ, גוטסקײט, מיר װעלן דיך בעטן
װײז אונדז אַ נס, אַ װוּנדער,
זאָל נישט געשען, װי ס'קאָן אַ געשען טאָן —
מירן װיגן נישט אײגענע קינדער.

ס'װעט געשען מיר װעלן אַ נעם טאָן
אַ קינד פֿון װעלכענע ראָגן
און זײ װעלן אונדז, קלײניגקע, פֿרעמדע,
— טאַטעלי טײערער, זאָגן.

זײ װעלן קײן שטערן פֿאַרלאַנגען,
נאָר שטילקײט, נישט אין אײביקער שרעק זײַן
און די ליאַלקע, װאָס מיר װעלן זײ דערלאַנגען,
זאָל מיט מענטשלעך בלוט נישט באַפֿלעקט זײַן.

V

ערשטע באַגעגעניש

...התחייה העצמות האלה?...

גלויב, ס'איז אַלץ ביי מיר פריש אין זכרון,
און כ'טראָג נאָך די שיין פון די שרפות אין אויג,
און נישט איינמאָל, מיר דוכט זיך, ווי אַליין כ'וואָלט געוואָרן
פון בליץ אַ געטראָפענער, שטרויענער סטויג.

ביים זען אין גאַס נאָך צעוואָרפענע ציגל,
ווען ס'טוליעט צום מויער זיך אַ שטומע אַ וואַנט
און וויינט ווי אַ מאַמע, ווען מ'האָט איר פון וויגל
דאָס קינד צוגערויבט אויף ווייטיק און שאַנד.

נאָר כ'קאָן דאָך די פרייד אין זיך נישט באַהאַלטן,
ווען כ'זע אין אויפגאַנג און וואונדער די שטאָט,
און ערגעץ אין מיר אַ יחזקאל־געשטאַלט האָט
זיינע שטראָף־רייד געברומט אין נאָמען פון גאָט.

און מאָלט מיר אַ בילד אויס פון פאַרטריקנטע ביינער
— וועלן לעבן די ביינער? — מיט צאָרן ער פרעגט,
אָ, נביא יחזקאל, עס זענען די שטיינער
אויך שוין אַוועק פון געטלעכן וועג...

ועסט מיין פאַרגלייך מיר אפשר פאַרמשפּטן,
נאָר אַוועק איז די צייט שוין פון שרפה און רויב,
מיין שטאָט ווי אַ שיינהייט, וואָס האָט אויסגעגליטשט זיך
און שמייכלענדיק פלוצים געטאָן זיך אַ הויב.

כ׳בין לאַנג שוין אַוועק פון וועג פון די אבות
און קריעה מיט רוף צום לעבן כ׳פאַרבייט,
דער פלאַטער פון טויבן איז מיר ליבער ווי סאָוועס,
וואָס ווייסן נישט קיינמאָל פון וויינען די צייט.

זאָל עמעצער מאָנען, זאָל עמעצער שטראָפן.
זאָל עמעצער רעדן מיט שוים אויף דער ליפּ —
ווי כ׳וואָלט מיט אַ ליבער צום ערשטן מאָל געטראָפן,
דאָס לעבן אין שטאָט אין דער נייער כ׳האָב ליב.

וואַרשע, 9 נאָוועמבער 1956

אויפן אומשלאַג־פּלאַץ

אויפן אומשלאַג־פּלאַץ גישטאָ ערשט קיינער, קיינער,
פאַרוואָס איז שטיל? זאָלן ווינטן זיך צעברויזן,
זאָלן צום הימל זיך ביילן אַצינד די פּויסטן,
פון טרערן־קוואַל זאָלן שליידערן זיך טרערן.

אויפן אומשלאַג־פּלאַץ שטייסט ערשט איינער, איינער,
וואָלסט די זון פאַר כעס ערשט אויסגעלאָשן.
שרייען ווילסטו, נאָר ס'איז שטום דיין לשון.
טו אוים די שיך, דו טרעטסט דאָ אויף געווייבען.

טו אוים די שיך, הייליק איז די ערד דאָ,
געווייקט אין פּיין פון קינדערשע נשמות,
און יעדער וואַנט — אַ כותל־המערבי.

איך בין קיין העלד און בין נישט קיין נביא,
נאָר כ'שטיק די זון ביים האַלדז, ביז זי שווערט דאָ
זיך אַליין צעפליקן פאַר נקמה.

ישראל שטערן אין געטאָ

„ווייל שענער ווערט אַ שטאָט ביים אָנקום פון דער נאַכט" —
גאָר מיאוסער ווערט זי דאָ; ווי מיט בלינדע אויגן
שטאַרן פּענצטער שטום, און דער פּחד וואַכט,
ווי איבער קראַנקע אַ שוועסטער אָנגעבויגן.

דאָ איז איין שפּיטאָל. דער טויט צו יעדער בעט
שלייכט מיט שטילע טריט אַרום פון אַלע טירן,
און דער מולד — שאַרף ווי אַ לאַנצעט —
שניידט אויף מויערן אייטערע געשווירן.

מע ברענגט יעדן טאָג צו טראָגן דיר די וועלט,
ווי מע ברענגט געהלשט איינעם פון דער אַרבעט.
האָט דאָס לעבן אין טויט זיך ערשט פאַרשטעלט?
אוים סוד, אוים חן, געשטאָרבן אַלע פאַרבן.

ס'האָט ווער אויסגעפּליקט פון הימלען דעם געדאַנק,
ווי אַ רשע פּליקט אַ בלאַט פון אַ הייליקן ספר;
סע שטאַרבן טעג, ווי דיינע טריט, אָן קלאַנג,
דער טויט פאַלט פון בוים ווי אַ פרוכט אַ רייפע.

זע, ווי די וועלט איז פאַרפלייצט מיט שלעכטס,
ווי גאָט צוקאָפּנס ברענגען אַלע ליכטער;
אויפן האַקנקרייץ האָט מען אין די נעכט
אויפגעהאָנגען רילקען, דיין באַליבטסטן דיכטער.

ביינאַכט אויפֿן געטאָ־פּלאַץ

ביי טאָג שיינט די זון דאָ און סע שפּילן זיך קינדער,
אויף רוקנס פֿון ציגל זיי בויען זיך הייזער,
נאָר די נאַכט — זי שלעפּט זיך נאָך אַלץ אַרום אַ בלינדע
אויף פֿאַרבאָרגענע זייגערס, ווו ס׳פּעלן די ווייזערס.

ביינאַכט בלאָזט אַ ווינט דאָ און ברענגט אויף פֿון ווינקלען
אַ שטילן געקרעכץ, אַ פֿאַרכטיקן לשון,
ווי מ׳וואָלט אַלע ליכט אין די לייכטער צעפֿינקלט
פֿרייטיקצונאַכטס דער מאַמען פֿאַרלאָשן.

ביינאַכט לייג נאָר צו צו אַ וואַנט צו דעם אויער,
הערסטו מיליאָנען געוויין פֿון די וויגלען —
דער מויער איז ניי — טאָ פֿונוואַן איז דער טרויער,
ווי ס׳וואָלטן אויף ווענט פֿאַרדעקט זיין די שפּיגלען.

* *
*

דאָ מאַכט ווער טויט:
קלינגען — כאָטש זיי קלינגען נישט — די גלאָקן,
און פייגל פליען האַסטיקע צעשראָקן,
און בלעטער וואַרפן אַליין זיך פון די שטאָקן.
און דער מערב איז רויט.

דאָ מאַכט ווער נאַכט:
זע, עס שלאָפן שוין דעם לעצטן שלאָף די בלומען,
אַ ווינטל רעדט פון שלאָף און ווערט אַנטשטומען,
איך וואַרט אויף איר, נאָר זי וועט נישט קומען,
כאָטש אַלע טירן זענען אויפגעמאַכט.

* * *

מ'האָט מיך באַקליידט און באַשיכט מיך,
מ'שטעלט מיך פאַרן שפּיגל אַוועק,
ווו האָב איך אַזוי איינגעריכט מיך
און דאָ און דאָרטן אַ פלעק?

און מיט פאַרפום מע באַשפּריצט מיך,
מע זאָגט מיר: ווי שיין עלעגאַנט!
גאָר איך געפין נאָך אַלץ איצט מיך
אין קאַנאַלן מיט יענע באַנאַנד.

פון געטאָ פון פלאַמען אַנטרונען
און ס'ע וויקט זיך אין בלאָטע מיין גוף,
און גיי אַראָפּ פונעם זינען
פון הילפלאָזן קינדערשן רוף.

וואַלד־פּייזאַזשן

1

אַהין, אהין, אַהין, אַהין,
אַ גאַנצן טאָג די צווייגן ציִן,
ביז רויש ווערט שטיל
און סע דרימלען איין
די לאַנגע, בלייבע, זיילן שיין.
און הייזלעך קליין
און הייזלעך פּראָסט
בלייבן עלנט שטיין
ווי איבערגעלאָזט.

2

נאָך ווינטן־וואָי, נאָך רעגן־שלאַקסן
אין מיט אָקטאָבער איז אַ טאָג נאָך דאָ
אַזוי־פיל זון און הימל־בלאָ —
אַ ליבע אַזאַ ווען מ'איז דערוואַקסן.

אַ ליבע אַזאַ פון מיטל יאָרן,
מע קושט זיך היים ביז צו פאַרגעסן,
ביז שפּעט אין נאַכט ווי אַמאָל פאַרזעסן,
כאָטש פּאַסמעס גרוי שוין אין די האָר איז.

צו אַ קינד

מאַך מיין קינד, וואָס דו ווילסט פון מיר נאָר מאַכן,
כ'בין דיין בערעלע, דיין פערדעלע געגרייט,
כ'וועל דערציילן פון אַלטע גוטע זאַכן,
וואָס צעפינקלען דיינע אייגעלעך אין פרייד.

כ'וועל מיט דיר אין וועלדער ווייט שפּאַצירן,
זיך לאָזן פון דיר טרייבן אין דער ווייט
און מיט אַ געהיים סטעזשקעלע דערפירן
צו יענער ווייטער, גרויליקער צייט.

צו דער צייט פון נייגצן צוויי און פערציק,
קיין וואַרשע פון דאַגען דאָך אַ שפּריז,
פון יעדן קליינעם האַרבסטיק ווינטל הערט זיך
די שרעקלעכע, די שוידערלעכע נייס.

צום אומשלאַג־פּלאַץ טרייבט מען זיי די קליינע
פייגעלעך מיט אייגעלעך ווי דו,
הימלען נאָך ביז היינט צו טאָג זיי וויינען
און ווינטן בלאָזן, געפינען זיך קיין רו.

נאָר דו, מיין קינד, אַ ליכטיקס און צעשמייכלטס,
אַ בלימעלע אויף קבֿרים יונג צעבליט —
דיין נשמהלע איז אַצינד דער היכל
פאַר טויזנטער געפאַלענע אין שניט.

און כ׳קוש דיך היים אין קוש אין דיר זיי אַלע,
וואָס זענען אויף דער וועלט שוין נישט פֿאַראַן.

— — — — — — — — — — —

ס׳איז האַרבסט אַצינד, פֿאַלן, פֿאַלן בלעטער,
כ׳בין דיין פֿערדעלע, אין צווימעלע געשפּאַנט.

* * *

אַזויפֿיל הויכע רייד רעדן צו מיין שכל
און נעמען מיך מיט האַרבן קלוגן זאָג —
כ׳בין אויסגעבענקט נאָך דיין שטילן שמייכל ,
ווי אין הייסע טעג — נאָך אַ וואָלקנדיקן טאָג.

כ׳וויס דיין שמייכל פֿאַרטונקלט מיר דעם זינען,
כ׳דערקען נישט מער דיין איינגעשפּאַרטן ווילן,
אין אַלע שטרייטן וויל איך נאָר געווינען,
מיט דיר אין שטרייט מעג איך אויך פֿאַרשפּילן.

אין געשעפט פון פייגל

ס'האָט די מאַמע זיינע זיך ערגעץ־ווו פאַרליבט
אויפן סאַמע שפּיץ פון בוים אין אַ אָסיען־טריב.

דעם רויש פון וואַלד נאָכגעמאַכט איר טרעל,
פאַריאָגט דער ווראָגע ס'געזאַנג האָט פון איר קעל.

— משיריק, משיריק — ס'וועט זומער אייביק זיין!
מיט שנעבעלע פון זון געבאָרגט די שיין.

ווער האָט דאָס קאַנאַריקל אין געשעפט אַהער געבראַכט?
אין שטייגעלע איז נאָך פייגלעכער די נאַכט...

אין שכנות שטייט דער פּאָפּוגיי אין כעס
און פּלוידערט נאָך די ריידעריי פון גאַס.

ווי אַ שפּיגל גרויזאַם אין מענטשלעכן געזיכט
שפּיגלט נאָר דעם טויט אין יעדן שטריך.

קומט אַ מאַן און מיט אַ געלט־געקלאַנג
ער קויפט אַצינד דעם וואַלד און זיין געזאַנג.

און דער פּאָפּוגיי — זיין שירה איז איין שיר:
ער הערט מע ציילט: צוויי און דריי און פיר.

שפּעט ער נאָך מיט דער קרומער נאָז,
ביז אַ קאַטאַרינקעשיק וועט ווערן זיין באַלבאָס...

יאַנואַר 1957

טאַנגאָ

דו האַלטסט איר אין די אָרעמס, נאָר זי איז אַוועק...
דרייען זיך ווי בלעטער נעכט און טעג
האַרבסטיק אַזוי, אָוונטיק אַזוי.

איז מאַלע וואָס סע טרעפט? איז וואָס־זשע דען דער מער?
לאָזט דאָס פידעלע אַזוי נאַריש טרער נאָך טרער
ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט קינד.

די מאַמע זאָגט: איך גיי! איך קום! אָטאָ בין איך דאָ!
נאָר ס'וויינט אָפּ דאָס קינד דערפאַר אַ גאַנצע שעה,
ווייל ס'איז די מאַמע נישט געווען.

ס'וועט זיין גוט, פילסט עס נישט בחוש?
צי טויט צי לעבן וועט געבן דיר אַ קוש,
וועט אַלצאיינס זיין גוט.

יאַנואַר 1957

אין זאָאָ־פּאַרק

קינדערלעך, מיר וועלן די ביכלעך מער נישט בלעטערן —
כ׳הויב אָן די חיות צו פאַרגעטערן.

ס׳האָבן זיך שוין איבערגעבעטן דאָס פוקסל מיטן בער,
און דער מענטש, דו זע, האַלט אַלץ נאָך דאָס געווער.

ס׳איז עמעץ קלוג, דער צווייטער איז אַ נאַר —
דער קלוגער וויל פאַר קלוגשאַפט זיינס דעם שכר.

דער לייב אפילו האָט אויפגעהערט שוין שרייען,
דער טיגער בייסט די נעגל — זיין כלי־זיין.

דאָס וועלפל לעשט אין אויג דאָס גרינע פייער,
פאַר אַלטע זינד דרייט דער שלאַנג זיך איצט אין דרייען.

די מאַלפּע וויל דעם מענטש נישט מער קאָפּירן —
ס׳איז בעסער שוין צו גיין אויף אַלע פירן.

ווי דער גוטער העלפאַנט, וואָס איז בעסער נאָך אַצינדער,
און שפּילט זיך שטענדיק מיט די קליינע קינדער.

פעלקער

ויגש אברהם ויאמר: האף תספה צדיק עם רשע?
...אולי יש תמישים צדיקים בתוך העיר?

שוין בלויז צוליב אָט דער קליינער פרוי,
וואָס רעדט צו מיר מענטשלעך נאָענט אַזוי.

זי טרעט מיין בלוט אַריבער, ווי די שוועל פון הויז,
און לייגט דאָס האַרץ גלייך ווי אויף אַ טעלערל אַרויס.

און טאַקע ווייל זי איז דער זעלבער מענטש ווי איך,
איז מיר גוט צו רעדן אפילו פון אירע שיך.

און דאָס לאַטקעלע אויף איר זיידן קלייד
בעט ביי מיר ווי דער סוד פון טויט: באַשייד...

האָבן זיידעס אונדזערע זיך ווען אַמאָל געקריגט?
הער דעם ניגון ווי איר קינד זי וויגט.

און ווי דאָס קינד עס ווײנט זיס פאַרן שלאָף,
אז ס׳וועט אַ שעפעלע פון דער סטאַדע שאָף

צום וויגל ברענגען צו שטילן דאָס געוויין
אַליין מיין זיידע משה, דער רועה צאן.

דעם פרעמדן מענטש

מיר קאָנען זיך גישט, נאָר ווי פאַרשטעגדלעך פראָסט
דו ציינדסט אין פייער מייגעם אָן דיין פאַפיראָס,

נאָר עפּעס וועקט זיך, עפּעס אַנט מיין ווייטער זעקסטער חוש —
ס׳האָבן זיך פאַפיראָסן צוויי אַ פראָסטן טאָג געקושט.

און ווי קלאָר דער שכל זאָגט: מיר דאַרפן זיין זיך פרעמד —
האָט טיף אין אונדז זיך עפּעס וואָס פאַרשעמט

און ברעכט אויף אַלע צוימען פון פאַרשטאַנד
און נאָענט מיר ווערן ווי פון לאַנג באַקאַנט.

האַרבסט אין וואַלד

ס׳האָבן אויסגעציטערט ביימער ערשטע שרעק,
ווען גראָע האָר דערזען אויף די קרוינען,
דער האַרבסט וועט קיינעם, קיינעם שוינען.
ס׳האָבן אַלע פייגל געקליבן זיך אין וועג,

ווי גראָע שווערע בוידן פאָרן טעג,
ס׳ביסל זילבער פון דער זון מיט זיך פאַרקליבן,
אין וואַסערלעך אין טיפע נאָך געבליבן
שפּורן פונעם זומערשן פאַרמעג.

און אַזאַ בענקשאַפט גייט אַדורך דעם וואַלד
מיט רויש און מיט שטילקייט פון אַ תּפילה —
שטיי אַ ווײַלע איינגעהאָרכט אָט באַלד

און דיין האַרץ וועט קלאַפּן שטילער, שטילער,
צום טאַקט פון דער זעלטענער מוזיק
אין וועגן אין טויזנטער פאַרוויגט.

פון ציקל „סיביר“

1.

אָגינסקיס „פּאָלאָנעז“ אין סיביר

ביז פּופּציק גראַד די פּראָסטיק שטייפּע טעג —
ווי וועסטו זיך אַהינטאָן מיין דינער, ווייכער ניגון?
דאָ לאָזן זיך בעריאָזעס נישט פאַרוויגן,
זיי גליווערן מיט שניי פאַרשיט ביים וועג.

מיט דיין „פּאָלאָנעז“ אין ברוסט, ווי אַ פּאַרמעג,
און ראַדיאָ־קלאַנגען וואַרעמען אָן דעם שטח,
איך וויל אַרויס אַ זייגער פון געוועט איצט,
נאָך פאַרן קלאַנג דערגרייכן כ׳וויל דעם ברעג.

ביים ברעג איז האַרבסט. ס׳פאַלן נאָך געלע בלעטער
און אַ האַנט איז דאָ, וואָס ציילט זיי איבער שפּעטער,
און יעדער בלאַט איז אַ ליבע־בריוו און טרויער.

מיין קינדהייט בלאַנקעט דאָרט אויף טויאיקער פּאָליאַנע,
נישט פאַרשטייענדיק, זי האָט טיף אַזוי פאַרשטאַנען
און בענקט ווי דו ביים פאַרמאַכטן טויער.

2.

א חלום

מײַן חלום גראָבט אַלץ טיף די שיכטן
פֿון מײַן קינדהייט, פֿלאַסט נאָך פֿלאַסט.
אַרײַן־אַרױס גײט גאַסט נאָך גאַסט
אין אונדזער הױז, אַלץ אומגעריכט איז,

און געפֿאַרבט פֿון טעג דאָס ליכט איז,
װי מע׳ד געבראָכט מיט ניס װי ס׳פּאַסט
פֿאַר חול־המועד, װען אונדזער גאַסט
מיט אַזאַ אָװנט־ליכט געדיכט איז.

עלנט צי איך פֿרי די דעק אָפּ
פֿון מײַן געלעגער, פֿרירדיק קאַלט
קוקט אין שױב אַרײַן דער װאַלד,

איז אַזױפֿיל טעג און װעג אָפּ,
אַזױפֿיל װעג פֿון מיר צו מיר,
װי פֿון פּױלן קײן סיביר.

3.

אין דאָרף

אַ, פּשוט פֿאָלק פֿון דאָרפֿיש קלײנער גאַס,
כ'בין ביז בלוט פֿאַרליבט אין אײער שטײגער.
איך קנײפּ װי איר דאָס ברױט און פֿאַרטרינק מיט קװאַס,
קוק אױבן אױף דער זון און װער געװױר דעם זײגער.

װי איר, כ'האָב ליב צו רעדן הױך
און לאַכן אױפֿן קול אַ פֿרײלעכן געלעכטער,
אױב לאַכן — איז זיך האַלטן פֿאַרן בױך —
און עס לאַכן מיט אין כאָר אַלע זין און טעכטער.

אַװעקשטעלן אין מיטן טיש דעם באָרשט װי צונטער־רױט,
פֿון האָלץ די לעפֿל װיגן זיך װי װעסלעם,
און װי באָרשט — די באַקן בײ דער מױד,
װען טאַטע מיט די שבחים לכבוד איר פֿאַרגעסט זיך.

און מע כאַפּט אַ טאַנץ און מע זינגט אַ ליד,
און מע פֿאָרט דערנאָך אױף דער אײנגעשפּאַנטער דראָזשקע —
און װײסט נישט, צי איז עס פֿרײד, צי װײנט גאָר אײנדערמיט
מיטן האַרבסט צוזאַמען בײם ײנגל די האַרמאָשקע.

JEWISH PUBLIC LIBRARY
MONTREAL
ייִדישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק

אינהאַלט

	זייט
דאָס אויער צו דער זעל	11
נעכט	12
* * *	13
* * *	14
טערציגען	15
שטיל לאנדשאפט	16
פייזאַש	17
וואָלקן=שפּיל	18
זומער	19
די אלטע פּעסעלע	20
ס׳שטעטל היינט	23
אין לוח	25
מיין געסל	27
הארבסט	28
* * *	29
טאָג=נאכט=שפּיל	30
א רעגן	31
מנחם=אב	32
א מילב וואָס שטארבט	33
ניגון...	34
* * *	35
טריאָלעט	36
* * *	37
אין שטאָט	38
* * *	40
* * *	41
זעענדיק דזשאַקאָנדאָ	45
הערנדיק שאָפּענען	46
מיין רבי ר׳ שמעון	48
* * *	50
אין דיין קינדער=צימער	51
וויג=ליד	52
* * *	53
הארבסט	54.
א מינוט	55
דאָרפישער הויף=זינגער	56
* * *	57
צורוקוועגס	58
אין געשיר=שאנק	65
נויט	66
פון דער פּאָעמע „אלט=לובלין“	67
פּארפום	70
* * *	71
א חתונה	72
טויט	73
באגעגעניש מיטן ערשטן רויטארמייער	77
אין אָקטאָבער=צוג	79
פּיאניסימאָ	80
פאר פרילינג	81
אין שפּיטאָל	82
אין בוי=געריוויש	85
אויפגאנג	86
מיין געגנט	87
אדאנק דער סאָוועטישער ארמיי	88

זייט

א באַרג־אַרבעטער 89
כינגאַן־טייך 90
ד ספּעקע 91
דערווייל... 92
וועגן זיי די לידער 93
שלום־עליכם גאַס 94
איז ערגעץ וו אזא מין האַרבסט
פאַראַן? 95
כ'וועל נישט מינערן מיין פרייד דאָ
אויף א האָר 96
א נאַנייערן 97
ס'איז יום־טוב 98
ערשטער טייען 99
דער פרילינג פון זיג 100
כ'האָב א העלדן געזען 103
בירע הייסט ער אונדזער טייך 104
דער פראָנטאָוויק קערט זיך אום אהיים 105
די קראַפט פון פאָלק אין יענע טעג . 107
דער סאָוויעטישער פרוי 109
*
** 110
א בילד 111
„אינטערנאַציאָנאַלער יוגנט־פעסטיוואַל
אין פּראָג 112
צו דער אומגעקומענער מוטער 114

זייט

אזא מילדקייט 116
דיין העלער נאָמען 117
צו איינער פון געטאָ 118
לייענענדיק „דריי מתנות“* 119
צווישן ברידער 121
אָפרו 122
מיין שטעטל 123
א בריוו 124
יאַגאָ 125
*
** 126
פאַר שלום 128
ערשטע באַגעגעניש 131
אויפן אומשלאַג־פּלאַץ 133
ישראל שטערן אין געטאָ 134
ביינאַכט אויפן געטאָ פּלאַץ 135
*
** 137
וואַלד־פּייזאַזשן 138
צו א קינד 139
אין געשעפט פון פייגל 141
טאַנגאָ 142
אין זאָאָ־פּאַרק 143
פעלקער 144
דעם פרעמדן מענטש 145
האַרבסט אין וואַלד 146
פון ציקל סיביר 147